Ab. G. 271
Malej

ש ד׳ מאליי׳

# אין דער פינסטערניש.

א דראמע
אין
4 אקטען.

אדעססא
בדפוס אבא דוכנא
שנת תרנ״ח לפ״ק.

# אין דער פינסטערניש

# ВО ТЬМѢ

## драма въ 4 дѣйствіяхъ.

Сочиненіе

**Г. И. Малаго.**

ОДЕССА.
Типо-Литографія А. М. Дыхно, Почтовая № 32.
1898.

# אין דער
# פינסטערניש

## א דראמע אין 4 אקטען

פֿין פ. ה. מאַליי.

אדעססא
בדפוס אבא דוכנא
תרנ"ח

Дозволено цензурою С.-Петербургъ 24-го Февраля 1898 г.

BIBLIOTHECA UNIV. HELS.
OTIUM SAPIENTIS

Посвящается

**МОЕЙ СЕСТРѢ**

**Р. Ц. М.**

# דיא פערשאָנען.

בראָווינשטשעכע: איין אַלמנה; ארייכע סוחר'טע.

בראווינסקע:

האַלי: } איהרע קינדער
ליובע:

פיינערשע: איין ארומע אלמנה

בריינע: איהר טאָכטער

יאַשע: איהר פלימעניק

שוואַכמאנן: האליס מאנן

דרייקאָפּ: א שדכן

מעניקע: } פריקאַזשטשיקעס ביי בראַווינשטשעכען
ברוך:

---

די געשיכטע קומט פאָר אין אַרייך דאָרף אין מאַלאָראָסיע אין דער נייעסטער צייט.

# ערשטער אקט.

(א סאד. רעכטס — אשאנע שטוב אין צוויי עטאזשען, מיט א טערראסע, צו וועלכער עס פיהרען טרעפ. אויף דער טערראסע — א טיר אין צווייטען עטאזש לינקס — א קליין שטוביל אין איין עטאזש, נעבען דעם שטוביל — א בעסיעדקע ארום דער בעסיעדקע און אין אייניגע ערטער אין סאד — געפלאכטענע בענקליך אין דער טיעף סצענע, רעכטס — א קיילעכדיגע גריאדקע מיט קווייטען, לינקס פיהרט אסטעזשקע אין מארק. ווייט אין דער טיעף סצענע זעהט זיך קוים דאס אויסזיכט פונ'ם דארף, עטוואס קלאהרער זעהט זיך דער קלויסטער. — פאר נאכט — לינקס פין דער טיעף סצענע קומען אן: בראווינסקע אין דרייקאפ.)

**דרייקאפ:** חע-חע-הע'... ע-ע-עך, לעאָנטי אַראָנאוויץ איהר זענט נאך יונג, איהר זענט נאָך גאר יונג, קאַק צעסטניי צעלאָוועק!

**בראווינסקע:** ס'הייסט נאָך גאָר נאַריש? אזוי האב איך אַייך פערשטאַנען, הערר דרייקאפ?

**דרייקאפ:** חע-חע-חע... צו קלוג ווילט איהר זיין, לעאנטי אַראָנאָוויץ. איך מיין, לעאנטי אראנאוויץ, אַז וויל איהר זענט נאָך יונג, קוקט איר אויף אייניגע זאַכען ניט אזוי פראַקטיס, וויא אַייער מאַטושקע,

**בראווינסקע:** מילא, מיט אַייך צו טענה'ן האָב איך קיין חשק ניט; נאר נאך אַמאָהל זאָג איך אַייך, אז איך האָב זיך דערויף פעסט בעשלאָסען און אַזוי מוז דאָס בלייבען, — פערשטעהט זיך, אויב עס וועט נאר איןמיר, אָדער אין דער מאַמען זיין דיא מניעה.

**דרייקאפ:** אַהאַ? איר האָט זיך טאַקע געהאַפּט צום שׂכל? היינט זעהט איר סוין אויך, אַז ניט גרינג קאן עס אָנקומען? דאַנקען גאָטט!

**בראווינסקע:** (פערווינדערט) הערר דרייקאָפּ! דערמאָנט זיך נאָר, וואָס איר האָט מיר ערשט מיט אַהאַלבע שעה צוריק געזאָגט...

**דרייקאפ:** איך וויים, איך געדענק. איך האָב פערגעסען, מיינט איר? ניין, ניין, איך האָב אַגוטען זכרון!

**בראווינסקע:** איר האָט אַליין ערשט געזאָגט, אַז איר בעמערקט, אַז בראָ-ניסלאַווע דאַוויראָוונע איז ניט דערווידער...

**דרייקאפ:** איך „בעמערק"

**בראווינסקע:** יאָ, יאָ! (קוקט איהם אן פערוואונדערט.)

**דרייקאָפּ:** בּעקלערט נאָר דעם וואָרט: איך ,בּעמערק״! איר פערסטעהט? איך „בּעמערק״, עס ווייזט זיך מיר נאָר אויס...

**בּראווינסקע:** עס ווייזט זיך נאָר אויס...

**דרייקאָפּ:** אָט דאָס איז דאָך דיא מעשה, וואָס קיינער קאָן ניט וויסען, וואָס עס טהוט זיך בּיי יענעם אויפ׳ן האַרצען, בּפרט בּיי אַיונג מיידעל, – חע-הע-חע...

**בּראווינסקע:** איר הויבּט שוין אָן מיט אייערע געלאכטערליך? איר ווייסט דאָך, ווי איך האָבּ דאס פיינט! רעדט דייטליכע ווערטער: „יאָ״, צו „ניין״?

**דרייקאָפּ:** (מיט א זיפץ) וואס-זשע פאַר אַמענץ קאן עס אַייך זעגען געוויס: „יאַ״, צו „ניין״? איין גאטט ווייסט...

**בּראווינסקע:** איז „ניין״, נו?

**דרייקאָפּ.** וואס עפּעס גראד „ניין״? האסטו נעהערט אַבּיסעל? ווער זאגט אַייך, אַז געוויס „ניין״? פערקעהרט, גיכער „יא״...

**בּראווינסקע:** טפּפו! דער רוח אַליין וועט דא אויך גאר נישט ניט פערשטעהען! (שפּאנט אום בּייז איבּער דער סצענע. דרייקאָפּ דרעהט אפּאפּיראס אונ קוקט איהם נאך. פּאוזע.)

**דרייקאָפּ.** לעאנטי אַראנאוויץ! איר ווילט מיך אויסהערען טאָלקָאם?

**בּראווינסקע:** חא-חא-חא... דאס וועט איר עס רעדען טאָלקאָם? חא-חא-חא.. אינטערעסנע, אינטערעסנע! ווען האט איר דאס אַזוי אנגעהויבּען רעדען טאלקאם, העררר דרייקאָפּ? איך האבּ גאר ניט געוואוסט, אַז איר האט דערויף אַ טאַלאַנט.

**דרייקאָפּ:** איך רעד תּמיד טאָלקאָם, נאָר אַז איר בּייזערט זיך אונ ווילט קיינמאהל ניט אויסהערען...

**בּראווינסקע:** רעדט-זשע ווערטער! איך שטעה, וויא אויף שפּילקעס און וואַרט, און וואַרט, טאמער וועל איך שוין אַמאָהל דערהערען פון אַייך חאטש איין דייטליך וואָרט, – און איר דרעהט זיך כּסדר אוים מיט אַייערע אויבּערשפּיצליך און חכמה׳ט זיך נאר. איר ווייסט דאך, אַז איך האבּ פיינט קונצען, – ווער-זשע האט אַייך געבּעטען אַריינמישען זיך דערינען? ממה נפשך: ווילט איר עפּעס אויספּיהרען, זאל מען פון אַייך הערען ווארטער; און אוב נאר דיא קאָפּ פעדרעהען מיט אַייערע שפּיצליך, דאַרף איך אַייך אויף כּפּרות!

**דרייקאָפּ:** יא, יא, – חע-חע-חע . . . פּרובט זיך, – חע-חע-חע . . . אַסך מיט זאַכען וועט איר אויספיהרען אַליין . .

**בּראָווינסקע:** וואס דען „ניין" – וועט איר אפשר זאגען?

**דרייקאָפּ:** זאגען אַייך אַ סוד?

**בּראָווינסקע:** אויף כּפּרות דאַרף איך האבען אַייערע סודות!

**דרייקאָפּ:** זאגען אַייך אַ סוד? די אַלטע פיינערסע זאגט, אַז איידער פאַר אַייך זאל איהר טאכטער חתונה האבען, זאל זי בעסער יונגערהייד . . . .

**בּראָווינסקע:** (פערמאכט איהם דעם מול.) שווייגט! נו איך ווייס דאך זעהר וואויל, אַז ס'איז אַ ליגען! איך ווייס דאך זעהר גוט, אַז די אַלטע פיינערישע וויל נאר מיך פאַר אַיין איידעם . . .

**דרייקאָפּ:** אַגליק פאַר איהר אַגרויסער! משוגע דאַרף זי ווערען – ניט אַנדערס. וואָס איז זי קאַן אַייער מאַמען ניט? זי ווייס ניט, ווי אַזאַ וואולע סוויגער זי וועט זיין פאַר איהר טאָכטער? – פון אַייך האַלט זי סטאַרק, – איך לייקען עס ניט; נאר זי האט פּסוט מורא . . .

**בּראָווינסקע:** ווער איז מיר, ס'אַנאַרישע יודענע דאס איז! נו, שוין-זשע האב איך בּראַניסלאַווע דאַווידאָווּנען וועניגער ליעב, וואס מיר איז איהר גליק שוין גאר קיין קאַפּ נישט טייער? שוין-זשע פער-שטעהט זי ניט, אַז איך וועל קיינמאהל ניט דערלאזען, מע זאל זי מיט אַשלעכט ווארט אנריהרען?

**דרייקאָפּ:** חע-חע-חע . . . אַזאַ נאַריסע יודענע, אַ? איהר ווייזט גאר אויס, אַז קיין ליעבע איז ניט אַזוי סטאַרק און געטריי, ווי דיא ליעבע פון אַמוטער צו איהר קינד?

**בּראָווינסקע:** איך ווייס דאס פּונקט אַזוי גוט, ווי איר. זי איז איהר טאַקע אַ מאַמע, – דערפאַר אבער האט זי זי ליעב טאַקע נאר ווי אַ קינד; אבער איך? דא איז שוין עפּעס גאר אַנדערש . : .

**דרייקאָפּ:** חע-חע-חע . . . ווי איר פערסטעהט ניט, וואס אַמאַמע איז . . .

**בּראָווינסקע:** איר האט אַטעות, איך פערשטעה עס זעהר גוט! נאר איך פערשטעה נאך אט וואס: אַמאַמע האט ליעב איהר קינד, ווי אַזאַ עס זאל נישט זיין; עס מעג זיין אַ רוח, חלש'ט אויך נאך דעם איהר האַרץ. דאס איז אַפּראסטע ליעבשאַפט, דאס איז

אַזאַ מין ליעבשאַפט, ווי בײַ אַ בהמה צו איהר טעלעצי. (דרייקאפ לאכט.) און איך האב זי ליעב בעקומען דערפאַר, וואס בײַ איהר איז אַ זעלטען – גוט האַרץ, אַוואולע נשמה, אַליכטיגער זינן; זי איז אַזאַ מענטש, וואָס איך בין יעדער מינוט גרייט וואַלגערען-זיך קעגען איהר אויף דיא קניען! איך בין ניט פער-ליעבט אין איהר, אַזוי ווי איר מיינט, אַזוי ווי איר מיט אײַער דרייקאפ קאנט עס גאר אַנדערש ניט אי ניט פערשטעהען; איך חלש ניט נאך איהר בּאַקעלע, איך געה ניט אוים נאך איהרע אייגעלעך, – איך האב זי ליעב גאר אַנדערש! איך האב זי ליעב ווייל איך פיהל, אַז דאס, וואס מיר קומט ווען-עס-איז אַרוף אויפין זינן נישט מעהן, וויא אַ חלום, איז דאס שוין בײַ איהר אַ דייטליכע זאַך; ווייל דאס, וואס מיין האַרץ דערפיהלט אַמאהל קוים-קוים, איז דאס שוין בײַ איהר אַקלאהר געפיהל! – נאר וואס שמועס איך דערפון מיט אײַך? איר רעדט דאך דער-פון נאר, ווי וועגען אַסחורה, פון וועלכער איר ווילט ווי מיגליך מעהן פערדיענען...

**דרייקאפ:** חע-חע-חע.. גיט-זע מיר טאַקע, לעאנטי אַראנאוויץ, אַיין אופגאב: ס'איז פאַר יום-טוב, דיא הוצאה איז גרוים... אַפינעף-און-צוואַנציגער מעגט איר מיר דערווייל גיעבען, – מיינט ניט אַז איך סטאַרע זיך דערינען גאר ניט! קאַק צעסטניי צעלאוועק, סוער איך אײַך, אַז איך רעד וועגען דעם מיט פיינערסען טאג-טאָגליך; אט אַל'ץ, וואס איר האט מיר דא נאר וואס אנגעלייענט, רעד איך מיט איהר אויך תמיד, – קאַק צעס-טניי צעלאוועק! און סע געהט אַ גאַנג, – חע-חע-חע.. בּראַ-ניסלאַווע דאַווידאוונע סוויגט, זי מאכט זיך, כלומר'סט, ווי ניט זי מיינט מען, – נאָר איך פערסטעה... חע-חע-חע.. ניט אומזיסט לויבט זיא אײַך סטענדיג מיט אזא חשק! ווען מע זאל נאר ניסט רעדען וועגען אײַך, מוז זי ארייַנסטעלען איהר ווערטעל: „עראיז איין ארינטליכער יונגערמאנן”, – קאק צעסטניי צעלאוועק! (בּראַווינסקע נעמט ארויס דעם בומאזשניק אין צאהלט געלט) אט, דיא אלטע קווינקעלט זיך..

**בּראַווינסקע:** דאָס זאָל אײַך גאָר נישט אנהויבען אַרען! אײַך בעט איך נאר,

איר זאָלט מיט מיין מאַמען אַביסעל צוקנעלען: זי קאַפּריזיט זיך! (גיט איהם געלט.)

**דרייקאָפּ:** מערסי! (בעהאלט דאס געלט) איר מיינט, זי איז גאָר אומגערעכט? חע-חע-הע... איר מיינט, ס'וואָלט טאַקע גאָר אַיין עולה געווען, איר זאָלט חתונה האָבען אַזוי וויא אַייך פּאַסט: פאַר אַרייכער כלה מיט אַפינעף-זעקס טויזענט קאָרבליך נדן?...

**בראווינסקע:** דאָס איז ניט אַייער באַבעס דאגה!

**דרייקאָפּ:** איך זאָג עס גלאַט אַזוי, אַז געלטמאַנס טאָכטער איז אויך אַ גאַנץ פיינע פּאַרטיע..:

**בראווינסקע:** פאַר אַ קולאַשניק איז אַגאַנץ פיינע פּאַרטיע אַפּערעקופּקע; און איך האָב אַייך שוין טויזענט מאָהל געזאָגט, אַז איך וויל אויף אַזוינע בריאות אי נישט קוקען.

**דרייקאָפּ:** חע-חע-חע... וואָס איז, זי איז, חלילה, אַמיאוסע, צי וואָס? דאַכט זיך, איהר סאַנקייט...

**בראווינסקע:** איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַזעלטען-גליקליך לעבען עס וואָלט ביי אונז מיט איהר געווען: גאַנצע טאָג געזעסען אין קלייט און אין זינן געהאַט נאָר דיאָהאָטי מיט הירזש, און אויף דער נאַכט — געקוסשט איהר שאַן נאַזעלע. חא-חא-חא... די גרעסטע אינטערעס'ען וואָלטען ביי אונז געווען נאָר איהרע נאַריאַדען, איהר קאַטאַיען-זיך קיין חאַרקאָוו און דאָס אומשלייען זיך דאָרט אין די קלובען, אויף מאַסקאַראדען.. און אָט אַזוי וואָלט זיך דורכגעגאַנגען אַיין יאָהר נאָכ'ן אַנדערען, היינט אַזוי וויא נעכטען, מאָרגען אַזוי ווי היינט... טפפו!

**דרייקאָפּ:** חע-חע-חע... און אַייך ווילט זיך, ס'זאָל תמיד רויסען, סטורמען... חע-חע-חע... (לינקס קומט אן בראווינשטשעכע.)

**בראווינשטשעכע:** קוק זיי נאָר אָן, איך בעט דיך: זיי זענען שוין ווידער איינעם, זיי דוללען זיך שוין ווידער וועגען זייער קראַסאַוויצע.. אָט אַפּאָטיעכע! וואָס אַנאַרישען יונג קאן זיך גאָר פערגלוסטען אין מיטען דערינען, וואָס אַנאַרישען יונג קאָן גאָר אַרוף אויפ'ן זינן...

**בראווינסקע:** איך זעה דערינען קיין נאַרישקייט ניט.

**בראווינשטשעכע:** נאָר חכמה, — פערשטעהט זיך! די מאַמע דיינע האָט שוין גאָר אינגאַנצען דעם שכל איהרען אָנגעוואוירען; זי ווייסט שוין

גאָר ניט, וואָס זי רעדט אַזוינס מיט איהר נאַרישען צונג, צי זי איז גאָר אַ דם-שׂונא איהר קינד, איהר בלוט-און-פלייש,—ניט אנדערש•

**בּראַווינסקע:** אַך, מאַמע, ס'איז גאָר ניט דאָס...

**דרייקאָפּ:** ווי איר ווילט זיך, מאַדאַם בּראַווינסקע, איך בּין דאָך דאָ גאָר אַזייטיגער מענץ,— נאָר איר מוזט מיר מוחל זיין, איך זאָג אײַך דעם אמת. אַז איך וואונדער זיך און קאָן זיך גאָר ניסט אָנוואונדערען אויף אײַך, וואָס איר בּערעכענט דאָס ניט טאָלקאָם,— קאַק צעסטניי צעלאָוועק!

**בּראַווינשטשעבע:** וועה איז מיר געשעהען, ס'איז דאָך טאַקע נאָר אַפּאָטיעכע מיט זיי,— זאָל איך שוין טאַקע אַזוי געזונט זיין! (דרייקאָפּ וויל רעדען, זי לאָזט ניט.) צי איך בּי שוין טאַקע גאָר אַראָפּ פונ׳ם זינן, צי איך בּין נאָך בּיי מיין שטיקעל דַעת? וואָס ווילט איהר מיר דאָ פערטאָראָטשען מיין מוח,— וואָלט איך געגרען וויסען?

**דרייקאָפּ:** אַ-אַ-אַז איר לאָזט ניט רעדען,— זאָלט איר מיר געזונט און סטאַרק זיין, מאַדאַם בּראַווינסקע! הערט אויס, וואָס איך וועל אײַך..

**בּראַווינשטשעבע:** וואָס וועל איך הערען און וואָס זאָל איך הערען? אַז איך האָב ניט וואָס צו הערען און וויל גאָר ניט הערען אײַערע פוסטע מַעֲשׂות...

**דרייקאָפּ:** אָט-אָט פאָלגט-זע מיך אונ הערט מיך אויס, אומזיסט בּייזערט איך...

**בּראַווינשטשעבע:** איך האָב אײַך איינמאָהל געזאָגט, אַז איך וויל דערפון נישט הערען, און דוללט מיר, איך בּעט אײַך, קיין קאָפּ ניט. פיינערשעס טאָכטער איז פאַר מיר קיין שנור ניט: קיין אָבּראַזאָוועטע דאַרפען מיר ניט! מיר דאַרפען אַזאַ פערשוין, ווי מיר אַליין זענען, און מיט פינעף טויזענט קָארבּליך נַדן, ניט ווינציגער; און פיינערשע מיט איהר טאָכטער,— זאָל מיך גאָטט ניט שטראָפען פאַר דיא רֵער,— זענען ניט מֵעהן ווי שלעפּער

(בּראַווינסקע הויבּט ווידער אן אין כעס אומשפאנען איבּער דער סצענע.)

זיי זענען בּיי מיר קיין דריי פּיאַטאַק נישט ווערטה מיט זייער אָבּראַזאָוואַניע!

**דרייקאָפּ:** אָבּער זאָלט איר מיר געזונט זיין, זענט איר, קיין עַיִן הָרָע ניט, אַבֶּרְיָה אויף צו בּייזערען זיך,— קאַק צעסטניי צעלאָוועק! נאָר זאָל אײַך טאַקע גאָטט ניט סטראָפען פאַר דיא רעד: איר זינדיגט, מאַדאַם בּראַווינסקע; קאַק צעסטניי צעלאָוועק,— איר זינדיגט! וואָס זענען בּיי אײַך פאַר סלעפּער פיינערסע מיט איהר טאָכטער? דאַנקען גאָט, זיי קומען אַרויס פון אַיחוּס ניט פון קיין ערגערען, ווי איר... פיינער, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אַליין איז געוועזן אַגאַנץ אָרינטליכער מאַנן און זעהר אַיין עהרליכער יוד. היינטיגע צייטען געפונט איר ניט אַזונע מלמדים, ווי פיינער

עָלָיו הַשָּׁלוֹם, איז געווען, — קאַק צעסטני צעלאָוועק! פיינערסע איז אַ פּראָסטע יודענע, נאָר מיט אַזעלטענעם כאַראַקטער; און פון איהר טאָכטער האבען מיר דאָך סוין גאָר ניט וואָס צו רעדען: בּראַניסלאַווע דאַווידאַוונע . . .

**בּראַווינשטשעבּע:** טפפו! אט האט איר אַייך! איך שפיי זיך אויס אויף אַייער בּראַניסלאַווע דאַווידאַוונען, איך דאַרף זי האבען אויף כפרות מיט איהר נאַרישער מאַמען און מיט איהר טאַטען דעם לאָקש, — זאל ער מיר דארטען מוחל זיין! אַציאַצי אַביסעל? געפונען מיט וואס צו דערנעמען מיך; אט באַלד צעגעה איך טאַקע דערפון גאָר אינגאַנצען, איך צעשמאָלץ זיך גאָר פשוט.. חאַ-חאַ-חאַ.. אט אַפּאַטיעכע! — איך בּין, לויב דעם אויבערשטען, אַ סוחר'טע די רייכסטע אין מעסטיעטשקע, האב אַזאַ טייערען הויף מיט אַזוינע פיינע הייזער, האב אַקלייט — אנגעשטאפּט מיט סחורה, האב אַיין אַמבּאַר, אַ פּאדוואַל; מיין זוהן איז אין שטאָדטיל דער גרעסטער ליסטאקראַט, — זאל איך גאר פליצלינג פון דער העל-לער הויט משוגע ווערען און טהון אַ שדוך מיט אַ לעהרערקע? חא-חא-חא!... אט אַפּאטיעכע, — חא-חא-חא!...

**בּראַווינסקע:** מיט וועמען דען דאַרפען מיר אַשדוך טהון—מיט אַגראַפיניע?

**בּראַווינשטשעבּע:** מיט אַסוחֵר'ס אַטאכטער; מיט רייכע סוחרים, אַזוינע ווי מיר זענען. צי מיר זענען, חלילה, ערגער פון לייטען, צי וואס, — וואס מיר קאנען שוין גאר קיין שאָנערס און קיין בּעסערס נישט דערגרייכען, ווי פיינערשעס טאכטער דיא סמאַרקאַטע? צי מע רעדט דיר אפשר ניט קיין פיינערע שדוכים, ווי דרייקאפּ?

**דרייקאַפּ:** ווי דרייקאפּ... סוין, איך האב זיך סוין אויך פערזינדיגט.. מאדאם בּראַווינסקע! צי איך אליין האב אייך גאר קיינמאהל ניט פארגעלעגט קיין רייכע שדוכים? דערמאנט זיך נאר, מאדאם בּראַווינסקע, ווער האט אַייך פארגעלעגט רייכמאַנס טאכטער, געלטמאַנס טאכטער?

**בּראַווינשטשעבּע:** א! אט דאס זענען שדוכים! אט דאס פערשטעה איך — שדוכים! רייכמאַנן קאן גיעבּען אַפינעף-זעקס טויזענט קארבּליך און געלטמאַנן אויך דאס אייגענע; דיא טאכטער זייערע זענען פראסטע, דעבּעלע מיידליך, אַזוינע ווי מיר דאַרפען — אהן קונצען..

**דרייקאַפּ:** זאלט איר מיר געזונט זיין, מאַדאַם בּראַווינסקע, איך זאג דאך אַייך: צי האב איך אייך דען ניסט פארגעלעגט קיין פיינע, קיין רייכע שדוכים? נאר אַז לעאנטי אַראנאוויץ וויל גראד בּראני-סלאַווע דאַווידאַוונען, — איז וואס-זע קומט איהם דערפאַר?

**בּראַווינשטשעבּע:** אויפהענגען — איז נאך ווניג!

**דרייקאַפּ:** חע-חע-חע.. אט ווייסט איר וואס, מאַדאַם בּראַווינסקע?

סענקט מיר פינעף מינוט, ניסט מעהר ווי פינעף מינוט לאזט
מיך רעדען פריי און מיסט מיר ניט איבער, און דערנאך
מעגט איר זיך רעדען. וואס איר ווילט. נו, גע'פועל'ט?

**בראווינשטשעכע:** נו מֵילָא, רעדט שוין, רעדט שוין, לאמיר שוין הערען!

**דרייקאפ:** אט וואס: איר זענט דאך אַיודענע, אַדאַנק גאטט, אין די יאהרען,
אַיודענע אַ קלוגע, אַגעניטע סוחר'טע,— בערעכענט-זע אַקָא־סט,
וואס פאַר אַסלאַק איר נעמט אויף זיך, אַז איר נעמט אַרייכע
סנור. זי איז אַליין רייך, זי גיט אַייך אַסך נדן,— דאַרפט איר
זי פעסטיען אַגאַנץ לעבען; איר דאַרפט איהר כסדר קוקען אין
די איינעלעך; וואס איר פערגלוסט זיך, מוז דאס תיכף בע-
סאַפען ווערען: זי וויל (ווינקט מיט א שמייכעל צו בראווינסקען.)
פאהרען קיין חַארקָאוו, איז ניסטא קיין רעד, קיין חַארקָאוו —
איז קיין חארקאוו; און אין חארקאוו פערגלוסט זיך איהר:
טֶעאַטר, קלוב, מַאסקאַראד און נאך ווייס איך וואס־בוּיבריק...

**בראווינשטשעכע:** טאקע – בויבריק!

**דרייקאפ:** ע-ע-ע, מאַדאם בראווינסקע, מי־ האבען דאך אפגערעדט...

**בראווינשטשעכע:** נו, מילא, דרשן'ט שוין ווייטער!

**דרייקאפ:** דאס פערגלוסט זיך איהר קליידער פערסיעדענע: אזא פַּאסָאן
און אזא פאסאן! היינט – ציערונג – דער רוח ווייסט וואס..:
דערנאך דויבט זיך אן א חתונה מיט צוואנציג דיענסטען:
באננעס, הארניצנעס, מאַמקעס, גובערנאַנטקעס, לאַקעיען,
אפפיציאַנטען, – אגביר'ס א טאכטער! היינט וויל זי גאר זיין א
גאנצע פריצה: אין קלייט זיצען סטעהט איהר גאר ניט אן...

**בראווינשטשעכע:** חא-חא-חא!... רייכמאַנס טאכטער שטעהט ניט אן אין
קרייט זיצען, צי געלטמאַנס טאכטער וועט עס ניט אנשטעהען?
אַזונע פערעקופּקעס...

**דרייקאפ:** איך רעד ניט פון זיי דַוְקָא, נאר גלאַט, וָואָכסצע, אַז מע
נעמט אַגביר'ס אַקינד. דאַרף מען זיך מיט דעם ניאַנצען,—
קאַק צעסטניי צעלאוועק! אבער מאַדמאיזעל פיינער – דאס איז
גאר אַנדערע ווארטער: זי איז ניט קיין פריווערעדניצע; זי איז
געוואַהנט אין דלות, נעבעך, וועט זי וו־סען, ווי טייער צי סַאצָען
דאס גליק צו זיין אַ רייכענס אַ ווייב (בראווינסקע טהוט אויף איהם
בייז א קוק.) און גאר אהן אַלעמען קאן מען דאך צו איהר ניסט
גלייכען רייכמאַנס און געלמאַנס טאַכטער: זי איז דאך אַמענץ
אַ בר-דַעת, ס'איז דאך פעראַנן מיט וועמען אַ ווארט אויצורע-
דען; ס'איז דאך גלאַט אַמחַיָה, אַריינער פערגעניגען מיט אַזאַ
וואויל קינד, ווי בראניסלאַווע דאַווידאַוונע איז; איך מיין עס

ערינסט,— קאַק צעסטניי צעלאָוועק! בפרט. אַז דעם נדן, צוויי-סען אונז רעדענדיג, דאַרפט איר דאך אויף כפרות...

**בראָווינשטשעכע:** פו...! ווי איך האָב זיך אַיינגעמיעדט הערענדיג. נו איר האָט שוין אפגעמאהלען אַייערע פינעף מינוט? הערט-זשע מיך אויס: איך בין פונקט אַזוי געניט, ווי איר, הערר דרייקאָפּ, און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פון אַט די שלעפער גיט זיך אויך נישט זעלטען אַיין אַזאַ שלאַק, וואָס אַז זי קומט אַריין אין רייכקייט, ווייסט זי שוין גאר ניט, וואָס אויסצוקלערען פאַר גרויס ראָסקאָש; בפרט, אַז ס'מאַכט זיך נאך אַיין „אָבראַזאָוועטע"... אי די שוויגער פערשטעהט ביי איהר גאר ניט, אי דער מאַנן איז ביי איהר אַגראַבער-יונג, און זי ווערדעוועט מיט איהם, ווי מיט איהר טאַטען, דעם לאָקש... נאר ווען אַפילו איר זאָלט שוין גאר זיין גערעכט, ווען די רייכע כלות זאָלען טאַקע זיין אַזוינע שלעק, ווי איר מאָהלט זיי אויס,— פאָדערט דאך דער כבוד אַליין, מע זאָל בעסער טהון אַשדוך מיט אַזאַ שלאַק, אַיידער מיט אַקבצן'טע! וואָס וועט די וועלט זאָגען, אַז מע וועט דערהערען מיט וועמען מיר האָבען אַ שדוך געטהון? איך וועל דאך זיך אין גאַס נישט קאָנען ווייזען פאַר בושה מיט אַזאַ ציאַצי, ווי אַייער מאַמזעל פיינער,— טפּפו אויף אַייערע נאַרישע קאָפּ!— נאר מיין ניט, זוהגעניו, אַז איך וועל דיך נאַטְהָען טהון דאָס, וואָס איך וויל; ס'האָבען שוין געפעהלט דיא יאָהרען; הייניגע צייטען האָבען אָלטערען קיין דֵעָה ניט ביי קינדער,— טהו ווי די פערשטעהסט; מעגסט חתונה האָבען ניט נאר פאַר דיין פאַרשיווער לעהרערקע,—אַפילו פאַר אַ פּאַראַסקע, אַבי דיר זאָל דאָס זיין צום האַרצען! נאָר איך זאָג דיר פריער, אַז וועסט זיך האָבען צו קראַצען דאָס גאַנצע לעבען דיינס,— אַט דעמעלט וועסטו זעהען, אַז דיא מאַמע דיינע איז ניט גאר משוגע!

**בראָווינסקע:** אַט דעמעלט, מאַמעניו, וועסטו אַליין זעהען, ס'אַגליקליכקייט מיר וועלען לעבען און וועסט אַליין דערפון קלייבען נחת!

**בראָווינשטשעכע:** פון דיין מויל אין גאָטט'ס אויערען אַריין!

**דרייקאָפּ:** אַט אַזוי וואָלט איר סוין לאַנג גערעדט!

**בראָווינשטשעכע:** זאָג נאר דיין מחותנת'טע, לאָז זי מוחל זיין אַרייַנטראָגען דירה-געלט: ס'שוין צייט. (געהט אוועק אין שטוב דורך דער טערראַסע.)

**דרייקאָפּ:** הע-חע-חע... (שטיל) איר זעהט, ס'אַדיפּלאָמאַטיע איך האָב מיט איהר געפיהרט? חע-חע-חע... נו-ס, לעאָנטי אַראַנאָוויץ, אַהאַלבע משא איז סוין פון דיא פלייצעס אַראָפּ; איצטער דאַרף מען נאך אַביסעל מיט פיינערסען צוהאָרעווען.

**בראווינסקע:** ש-ש-ש. . אָן געהט בראָניסלאַווע דאַווידאָווגע. אנו, הערר דרייקאפ, ווי אַזוי וואלט עס אַייך פון דאנען אָפּגעטראָגען? (לאכענדיג, נעהט דרייקאפ אוועק אין דעם קליין שטיבעל) גאָטטעניו! ס׳אַגליק עס שמייכעלט צו מיר פון איהר פנים, פון איהרע אויגען... (לינקס קומט אן ברײנע,)

**ברײנע:** לעאָנטי אַראָנאָוויטש! (בראווינסקע נעמט זי אן פאר ביידע האנט) אַגוטען אָבענד אַייך!

**בראווינסקע:** אַגוט יאָהר אַייך, בראָניסלאַווע דאַווידאָוונע! (קוסשט איהרע האנט) ס׳אַליעבענקע, ס׳אַוואוילינקע איר זענט! איר זאָלט וויסען, ווי פיעל גליק און פרייד איר גיסט מיר אַריין אין האַרצען יעדעס מאָהל, ווען איך דערזעה אייך, מיין ליכט, מיין לעבען!

**ברײנע:** ס׳אגוטער איר זענט, לעאָנטי אראָנאָוויטש...

**בראווינסקע:** דערפאַר זענט איר גאָר נישט קיין גוטע, מיין טייערע בראָני-סלאַווע דאַווידאָוונע: איך קאָן ביי אַייך בשום אופן ניט אויס-בעטען, איר זאָלט אַוועקוואַרפען אַייער זאָרג; זעהט, ס׳אַפּנים איר האט בעקומען...

**ברײנע:** וואָס זאָל איך טהון? עס זאָרגט זיך ניט ווילענדיג:.. איך וויים אַליין ניט. וואָס מיט מ׳ר טהוט זיך; איך בין ווי פון זינן געריהרט... אַייך מוטשעט מיין שווייגען... איך וויים, ווי פיעל איר ליידט דערפון, וואָס איר קאָנט זיך פון מיר נישט דער-וואַרטען אויף קיין דייטליכען ענטפער; נאָר וואָס-זשע זאָל איך טהון, לעאָנטי אראָנאָוויטש, אז דאָס ליעבשאפט איז ביי מיר צומישט מיט אזא פחד?...

**בראווינסקע:** אונזער פיעליאָהריגע קאנטשאפט האָט אונז אזוי נאָהנט איינס צום אנדערען בעהעפט; איר אַליין, בראניסלאַווע דאווידאָוונע. האָט מיך ליעב און שטויסט מיך פון זיך ניט אָפּ. — נאָך-וואס-זשע זאלט איר אי זיך אי מיך אומזיסט פייניגען? איר צווייפילט סיידען אין דעם מיגליכקייט פון אונזער גליק?

**ברײנע:** גאָטט וויסט... (פאאוזע) איך האָב אַייך ליעב, ווי דאס לעבען; דאָס גאַנצע לעבען מיינס זענט איר, לעאנטי אַראנאוויטש.. נאר דאס, וואס מיר האבען מיט אַייך אַלץ-איינע געפיהלען, איז נאך ווינציג; אונזערע בעגריעפען דאַרפען אויך זיין גלייך, — דאס איז דער עיקר. און דאס קאָנען מיר קלאָהר ניט וויסען...

**בראווינסקע:** איר קאָנט מיך פון נעכטען אן, צי וואס?

**ברײנע:** א, פּערשטעהט זיך, איך קאָן אַייך זעהר גוט! נאר עס מאַכט זיך אפט אינ׳ם לעבען, אַז דאס, וואס ס׳איז פערוויעגט געוואַ-רען פון קינדוויים-אן, וואס איז גאָר, דאַכט-זיך, גאר אינגאַנצען

פערגעסען געוואָרען אין אַצייט פון פיעל יאָהרען,— און פליצלינג שווימט עס אַרויף אונ מאַכט אָן אַגאַנצען ליאַרעם. אַגאַנצען אומגליק.. - מיר זענען מיט אייך ערצווינגען געוואָרען פערשיידען. זייט מיר מוחל, לעאָנטי אַראַנאָוויטש, אויב מיינע לעטצטע ווארטער האָבען אייך בעלעדיגט; נאָר איך האָב דאָך דאָס ענדליך, געמוזט אַרויסזאָגען,— מיר זאָלען קיין טעות ניט האָבען..

**בראָווינסקע:** בראַניסלאַווע דאַווידאָוונע! איר ווייסט ניט, ווי שטאַרק איך בין אייך איבערגעגעבען? איר ווייסט ניט, אַז יעדער וואָרט אייערס איז ביי מיר הייליג? איך וויים דאָך אליין, איך פערשטעה דאָך אליין, בראַניסלאַווע דאַווידאָוונע, ווי ווייט איך בין פון אייך, ווי העכער איר שטעהט פון מיר; נאָר מיך שרעקט עס גאָר ניט, ווארום איך בין מיט מיין גאַנצען לעבען גרייט צו זיין אייך איין עביגער קנעכט. (זי לאָזט איהם ניט רעדען; ער פאָלגט זי ניט און רעדט:) יעדער ווילען אייערער וועט אויגענבליקליך ערפולט ווערען; אַז איר וועט אין מיר עפּעס בעמערקען אַזוינס, וואָס אייך וועט עס ניט געפעלען, זאָגט, וועט עס תיכף איבערגעאַנדערשט ווערען: איך בין אייער געטרייסטער קנעכט.

(פון דער טעראַסע געהט אַראָפּ בראָווינשטשעכע; זיי בעמערקען זי ניט, ווי זי שטעהט אין הערט.)

**ברוינע:** גאַטטעניו, וואָס פאַר שרעקליכע זאַכען איר רעדט! וואָס פאַר אַקנעכטשאַפט? צו וואָס דאַראַף מען דאָס? לעאָנטי אַראַנאָוויטש, ניט אין דעם איז דער קוואַל פון פאַמיליען-גליק, נישט קיין קנעכט דאַרפען מיר זיין איינס ביים אַנדערען,— די ריינע ליעבשאַפט - זי אליין דאַרף נאָר זיין צווישען אונז: דערינען איז דאָס גליק, אין דעם איז דאָס גאַנצע לעבען! (ער קוסט איהר האַנט.) נו, איצט לאָזט מיך אָפּ, לעאָנטי אַראַנאָוויטש, איך האָב נאָך היינט אַגאַנצען טאָג די מאַמע נישט געזעהען, און מיט די אויראָקען האָב איך זיך אַזוי אָנגעהאָרעוועט, אַז איך פיהל זיך שרעקליך מיעד.

**בראָווינסקע:** נו, געהט, רוהט זיך אָפּ. שפּעטער וועל איך צו אייך אַריינגעהן, אַז איך וועל פערשפּאַרען די קלייט.

**ברוינע:** זעהט-זשע, איך וואַרט.

**בראָווינסקע:** איך וועל קומען. איך וועל קומען; נאָר אייער זאָרג וויל איך שוין מעהן ניט זעהען. איר הערט?

**ברוינע:** (לאַכענדיג:) איר האָט זיך צונויפגערעדט מיט דער מאַמעניון: פון איהר הער איך עס אויך אַלע ווייַלע. איר ווייסט, לעאָנטי אַראַנאָוויטש, זי וויים דאָך גאָר ניט, וואָס דאָ טהוט זיך צווישען אונז;

זי מיינט ערינסט, אַז איר געפעלט מיר ניט, און האלט אין אַיין אַיינרעדען מיך, איך זאָל פאַר אייך חתונה-האָבען.

**בראווינסקע:** אַמאמע דארף מען פאָלגען...

**ב ר י י נ ע:** פאַר וואָס-זשע פאָלגט איר אַייער מאמען ניט? אַהאַ? איר מיינט איך וויים ניט? ארייגעהאפט זיך, לעאָנטי אראנאוויטש (לאכענדיג, געהט זי אריין אין דעם קליין שטוביל.)

**בראווינשטשעכע:** ער קאָן זיך גאר נישט אָנרעדען מיט זיין ק־אַסאַוויצע... וואָלסט בעסער געגאַנגען אין קלייט אַ־יין.

**בראווינסקע:** איך גֵעה, איך גֵעה.

**בראווינשטשעכע:** און שיק אַהיים ליובען: אין שטוב איז קיינעם נישטא; איך גֵעה צו האַלין. זיי געהען אוועק. דיא סצענע איז אווילע ליידיג. פון דעם קליין שטוביל געהען ארוים: פיינערשע און דרייקאפ.)

**פיינערשע:** (ביי דער טיר:) טרינק אפּ טהע און וואָלסט זיך געמענט ליעגען שלאָפען, ברייגדעלע!

**ברייגע'ס קול** (פון שטוביל:) נַייען אַזייגער-שוין שלאָפען? וואָס האב איך קיין צייט ניט?

**פיינערשע:** נו, אַז די ווילסט, גֵעה אַרוים אַווילע זיצען אין בעסיעדקע, וועט אונז זיין פרעהליכער.

**ברייגע'ס קול:** מאַמעניו! יאַשע איז ניט געווען?

**פיינערשע:** ניין נאָך. (פערמאכט דיא טיר און זעצט זיך מיט דרייקאפען ביי דער בעסעדקע) דאָס האַרץ רייסט מיר דערפון געגווג, נאר וואס זאָל מען טהון? וואס זאָל מען טהון?

**דרייקאפ:** איך זאָג אייך, מאַדאַם פיינער, ס'איז פאר אייך אַיין גליק-שׂדוך, קאַק צעסטניי צעלאָוועק! איר בערעכענט נאָר, זאָלט איר מיר געזונט אונ סטאַרק זיין; האַלי, די אֶלטערע טאָכטער, איז סוין אַיין אויסגעגיעבענע; ליובע, די יונגערע, האָט אויף איהר נאָ-מען אין באַנק פינעף טויזענט קאָרבליך; און דאָס איבעריגע, אַלץ, וואָס ס'איז ביי זיי פעראַנן: אָט דער הויף,— איר בעטראכט נאָר, ס'אַסטיקעל הויף דאָס איז,— די קלייט, די אַמבאַרען, דער פאָדוואַל, היינט דאָס געלט, די מזומנים, וואָס ס'ליעגט אויף דער אַלטערס און אויף זיין נאמען אין באַנק, עפּעס אַצעהען, צי צוועלעף טויזענט קאָרבליך,— איך קאָן אַייך ריכטיג ניט זאָגען,—אָט דאָס אַלץ, בערעכענט נאר, איז זיינס! איר פערסטעהט?

**פיינערשע:** צי איך פערשטעה? ס'הייסט, איר דאַרפט מיר נאָך דערצעהלען? און אַליין וויים איך גאר ניט בעסער פון אייך, וואָס דאָ טהוט זיך ביי זיי? איך וואוין שוין דאָ ביי זיי אין הויף דאָס צוועלעפטע יאָהר; אַלע קליינינקייטען אַפילו מיט אַלע פישטשעווקעס, וואס ביי זיי קומט פאָר, צי וואס ס'איז ביי זיי פאָרגעקומען. וויים איך עס אַקקוראט אַזוי גוט, ווי מיט מיר וואָלט עס געשעהען.

**דרייקאַפּ:** פס... א ספּיעלעכעל אַביסעל, עלעף יאָהר וואוינען אין איין הויף, בּיי דער זייט בּיי זיי? ס'איז גאָר קיין חדוש ניט, וואס איר ווייסט דאָס אַלץ אַזוי גוט,— קאַק צעסטגיי צעלאוועק!

**פיינערשע:** איך געדענק נאך, בּאַלד ווי דער וואַגזאַל האט זיך דאָ אויס־געסטראָ'עט,— או ווער,—ס'אגעמיינקייט זיי זענען דעמעלט געווען! זאָל מען טאקע גאָר בּעהיט און בּעוואָרענט ווערען, רבּוני של עולם, פון אַזאַ מין דלות!

**דרייקאַפּ:** נו, אט זעהט איר דאך; און איצטער — ווער וועט זיך גאָר דערוועגען אָפענען אַמויל צו דערמאָנען, וואס מיט זיי איז אַ מאָהל געווען? מע טאר עס גאר אי ניט דאַכטען: די אַלטע, אז זי דערהערט דערפון, וואָלט זי זיך אַלעבּעדיגע אופגעגעסען; איהר ווילט זיך מיינען, אז זי איז אגעבּוירענע גביר'נטע, חע־חע..

**פיינערשע:** (זיפצק) אוי־אוי־אוי! ס'איז אַנאָווינע, צי דער מענטש איז זינדיג קענען דעם אויבּערשטען? — אַודאַי, אַודאַי, ווי דער בּאהן האט נאר אָנגעהויבּען דורכגעהען אין אונזער ווינקעל, אַזוי איז דאָס זיי אַוועק, און אַוועק, און אַוועק,— און אָט זעהט נאר, ס'אַמין גוטס בּיי זיי איז...

**דרייקאַפּ:** פס... ס'איז גאָר אַספּאַס צו זאָגען? אַלץ הייסט — גוטס...

**פיינערשע:** און נאָר דער בּאַהן האט עס זיי אַזו גליקליך געמאַכט, נאָר דער בּאַהן! אַיי, איז דאָס געווען דעמעלט אַצייטעלע! אַי אצייטעלע!...

**דרייקאַפּ:** אַצייט... אַלץ הייסט — אצייט...

**פיינערשע:** אַלע זענען זיי דעמעלט אין אֵיין צייט אופגערעכט געוואָרען: אי רייכמאַנן, אי געלטמאַנן, אי בּראַווינסקע... ווער ס'האָט זיך נאר גענעמען צום האנדעל, האטש אָהן אַקאָפּקע־געלט, איז ער נאָכדעם גליקליך געווארען. נאר אויף אונז,— אוי, רבּוני של עולם,— איז קיין גליק נישט געווען: אַפנים, אַז מיט'ן וויסטען מלמדות וועט מען קיינמאהל צו קיין גוטס ניט דערלעבען. — אַשלאַק איז מיר אגרויסער!

**דרייקאַפּ:** אודאי, אודאי! וואס איז דאָ גאר פעראַנן וואָס צו רעדען? געוויס איז מלמדות ניט קיין זייד און ניט קיין סאַמעט. נאָר מסתמא איז דאָס אַייך סוין אַזוי בּעסערט פונ'ם אויבּערסטען, אַז איר אַליין זאָלט קיין גביר'סאפט ניט האָבּען און די טאָכטער אַייערע זאָל פּליצלינג אופגערעכט ווערען; גאטט איז אֵיין קינצלער...

**פיינערשע:** פון וואָס מע זאָל נישט רעדען, דאַרף מען אַרוף אויפ'ן טויט: מיר האָבּען זיך מיט אַייך, דאַכט זיך, גאָר פעררעדט, איך ווייס וועגען בּובּריק,— און אַרוף זענען מיר פּאָרט אויף דעם שדוך,— אַשלאַק איז מיר!

**דרײקאָפֿ:** ע, מאַדאַם פײנער, איר זינדיגט דאָך טאַקע, קאַק צעסטני צעלאָװעק! איר גלײכט אַזאַ זעלטענעם שדוך צום טױט...

**פײנערשע:** אױ-װײַעה איז מיר געשעהען! ס'איז פֿאַר מיר נאָך ערגער פֿון'ם טױט, — זאָל מיך גאָטט ניט שטראָפֿען פֿאַר די רעד! צי דערױף האָט מײן דאָדי, עליו השלום, אַזױ פֿיעל געהאָרעװעט איבער איהר, אַז זי זאָל לסוף אָנקומען פֿאַר אַשנור צו אַזאַ פֿערשױן, װי בראַװינשטשעכע? אַודאי, איך זאָל חאָטש עפּעס האָבען מײנס אײן אײגענס, װאָלט איך גאָר דערפֿון אי קלערען נישט געװאָלט, ניטא-װאָס.. נאָר דער דלות, זאָל מיך גאָטט ניט שטראָפֿען פֿאַר דיא רעד, האָט זיך מיר שױן אַזױ צוגעגעסען, מיר האָבען אין אונזער לעבען אַזױ פֿיעל איבערגעליטען, אַז אַפּחד פֿאַלט אױף מיר אָן בײם געדאַנק, אַז מײן בראָניטשקע װעט אױך אַזױ פֿערװיסט און פֿערפֿינסטערט װערען אין איהר לעבען, װי מיר. אױ, הערר דרײקאָפֿ! נו װאָס זאָל איך אײך זאָגען? איר װעט דאָך מיר נישט גלױבען? איר װעט מײנען, אַז װײל ס'איז מײנס אַקינד, דערפֿאַר לױב איך עס; נאָר גאָטט— ער װײסט דעם אמת, אַז אַזױנע, װי מײן בראָנישטקע, װעט איר ניט קײן סך געפֿונען, חאָטש פֿאַהרט אױס װעלטען. איך, די פֿערפֿינסטערטע מאַמע איהרע, װײס דאָך יאָ, ס'אַװאױל קינד זי איז; דאָס האַרץ רײסט מיר אױס פֿאַר איהר. זאָל איך אַזױ געזונט זײן! מיר דאַכט, װען איך זאָל איהר קאָנען בעקומען פֿאַגעל-מילך, װאָלט איך אי דאָס לעבען מײנס אַװעקגעגעבען, אַבי זי זאָל גליקליך זײן; און בײם שדוך איז אױך דאָס אײגענע. איך זאָג אײך אָפֿען: װען רײכמאַנן זאָל זיך דערװעגען אַפֿילו אַפּיפּס-טהון נאָר װעגען איהר, װאָלט איך איהם אי די אױגען זײנע, די סװיניאַטשע, פֿערשפּיגען; נאָר בראַװינסקע איז דאַ צװישען די סוחרים פֿאַרט דער פֿײנסטער. װי זאָגט איר?

**דרײקאָפֿ:** בראַװינסקע איז אײן פֿײנער מאַנן, אײן בראַװער מאַנן, — קאַק צעסטני צעלאָװעק! (לינקס קומט אַן יאַשע.)

**י אַ ש ע:** אַגוטען אָבענד אײך, מומעניו! בראָני איז אין דערהײם?

**פײנערשע:** אין דער הײם, יאַשע, אין דערהײם! (יאַשע געהט ארײן אין קלײן שטוביל)

**דרײקאָפֿ:** (פּאַוזע.) בײ װאָס-זע בלײבען מיר, מאַדאַם?

**פײנערשע:** װאָס װילט איר, הערר דרײקאָפֿ. איך זאָל מײן ברײנען פֿערבונדען די יאָהרען אַפֿילו אָהן איהר װיסען? איך װעל חאָטש מיט איהר איבעררעדען.

**דרײקאָפֿ:** דער פּלימעניק אײערער איז אַביסעל ניט אין דער צײט געקומען: אַט איצטער װאָלט איר בעדאַרפֿט מיט איהר אַסמועס טהון..

**פיינערשע:** וואס מישאַיעט ער? קומט אין שטוב אריין, איך וועל אייך דארטען איבערלאזען – אביסעל באַלבעטען מיט איהם, און איך וועל מיט איהר דא רעדען.

**דרייקאפ:** קומט... יא, מאַדאַם פיינער, אָט וואָס ע-ע-ע... האט קיין פּראיבעל ניט... איר פערסטעהט דאָך אַליין... בראַווינסקע וועט מיך געוויס בעפריעדיגען; נאָר פון דעסט-וועגען וואָלט געווען אַיושר, איר זאָלט אויך עפּעס בעצאָהלען... ניט קיין סך: קיין סך קאַנט איר ניט גיעבען, נאָר אַפינעפעריל איז ניט קיין געלט...

**פיינערשע:** אַודאי, אַודאי, איז קיין געלט ניט אַפילו מַעהן, ניטאָ-וואס אַפּי-נעפעריל ביי אַזוינע לייט, ווי בראַווינסקע,–און ביי מיר איז אַפינעפעריל אַגאַנצער אוצר. נאָר גאָר אָהן אַלעמען האָבען מיר דאָך נאָך נישט וואס צו רעדען דערפון: ס'איז דאָך נאָך נישט אָפּגעעקט געוואָרען. קומט בעסער, איך וועל אַייך גיע-בען עפּעס פערבייסען, און איך וועל מיט איהר דערווייל איבעררעדען. קומט!

**דרייקאפ:** קומט, קומט. (זיי געהען אריין אין שטוביל. די סצענע איז אווילע ליידיג. אין אפאר מינוט ארום הערט זיך, ווי מע רעדט אין שטוביל.)

**פיינערשעס קול:** נו, זיצט דא אַביסעל, הערר דרייקאפ, און קריעגט זיך מיט מיין יאַשינקען; נאר פערגעסט-זשע ניט חאָטש צייטענווייס עפּעס פערבייסען און פערשעמט ניט מיין בראָנפען.

**דרייקאפ'ס קול:** ביי מיר איז-ניט אזא נאַטור, איך זאָל עמיצען פערסעמען,– חע-חע-הע... (פון שטוביל געהען ארוס: פיינערשע און ברײנע און זעצען זיך ביי דער בעסיעדקע.)

**פיינערשע:** אָט אַזוי איז דאס, בריינדעלע, עס מוז דאָך שוין אַמאהל נעמען א סוף; און ס'איז שוין טאַקע צייט; איך וואָלט שוין טאַקע גערען דערלעבען דעם נחת: חתונה-מאַכען דיך מיט גליק און מיט מזל.

**בריינע:** פאַר בראַווינסקען...

**פיינערשע:** מיט וואס-זשע געפעלט ער דיר ניט?

**בריינע:** מאַמע, אַז זאָלסט וויסען, וואס פאר אַ שרעק עס נעמט מיך דורך פון דיינע רעד...

**פיינערשע:** ביזט אַקינד! צו איך רעד עפּעס אַזוינס, וואָס קאַן דיר, חלילה, ברענגען אומגליק?

**בריינע:** ווער ווייסט...

**פיינערשע:** נו, כ'לעבען, ביזסט אַ קינד! נאָר ביזט דאָך אָבער אַוואויל קינד, ביזסט דאך אַקלוג קינד, מיין בריינדעלע, מיין לעבען!

ווי-זשע קומט עס, דו זאָלסט אַליין ניט בּעקלערען, ס'אַגליק ס'איז פאַר דיר?

**בּריינע:** איך קלער...

**פיינערשע:** און דערקלערסט זיך צו גאָר נישט? בּיזסטו טאַקע ווידער אַקינד,— דאַרף איך דיר נאָך אַמאָהל זאגען. נאָר לאמיר-זשע מיט דיר בּיידע קלערען, לאָמיר עס בּערעכנען גוט. וועסטו זעהען, אַז איך בּין גערעכט.

**בּריינע:** מאמע! נו, וואָס האָסטו גאָר דערפון צו רעדען? צי איך וויים אַליין ניט זעהר וואויל, אַז דו מיינסט נאָר מיין גליק, מיין לעבּען?

**פיינערשע:** דו בּיזסט בּיי מיר אֵיינע, מיין נשמה, מיין גאַנץ לעבּען בּיזסטו בּיי מיר! זעהען דיך אין דלות, אין אומגליק,— זאל איך עס שוין טאַקע ניט דערלעבּען, רבּוני של עולם!

**בּריינע:** וואס רעדסטו דאס, מאַמעניו? און צו וואס פאָרסטו צונויף דעם דלות מיט'ן אומגליק? אין דעם גרעסטען דלות, אין דער ערגסטער נויט, ווען — בּעהיט גאטט — ס'איז אַפילו אויף קיין שטיקעל בּרויט נישטאָ,— קאָן מען נאר דעמעלט. מיינסטו, ניט גליקליך זיין?

**פיינערשע:** קינד מיינס! וואס פאַר אַגליק איז, אַז מע איז הונגעריג?

**בּריינע:** און אָרינטליך...

**פיינערשע:** בּריינדעלע! בּראַווינסקע איז ניט קיין זשוליק.— דו ווייסט דאָס אויך זעהר גוט. נאָר ווי ריין און ווי אָרינטליך מע זאָל נישט זיין, ווי לויטער-ציכטיג עס זאָל נישט זיין דעם מענטשענס נשמה, נאָר בּיים וויסטען דלות —זאָל מיך גאטט ניט שטראָפען פאַר דיא רעד,— האט עס אַפּנים, ווי אַשאַנער מענטש — אַפּארשוין — גערהט-אויס פון טשאַכאָטקע.

**בּריינע:** (מיט אשמייכעל.) אַזוי שרעקליך איז דער דלות?

**פיינערשע:** שרעקליכער פונ'ם טויט! איך קאן איהם גוט: אַגאַנץ לעבּען האָט ער אונז געפּעסטיט, אָט דער וויסטער דלות. נאך אויף דיין וויגעלע פלעג איך בּעטען בּיי גאטט, און איצטער איז בּיי מיר אויך די איינציגע תּפלה: איך זאָל דיך זעהען אין גליק, אין רייכקייט; ווען ניט, זאל איך גאָר בּעסער אַמיתה-משונה איינעמען, זאלען בּעסער מיינע אויגען בּלינד ווערען, איך זאל קיינמאהל דיינע טהרערען ניט זעהען; זאל איך בּעסער, רבּוני של עולם, טויב ווערען, איך זאל דיינע זיפצען קיינמאהל ניט הערען! (וויינט) בּיי לייטען קינדער — קלאָטצער, בּהמות, שלעכטע מענטשען — לעבּען זיך אפ אַזוי גליקליך,— און דו, מיין פֿאֵגעלע, אַזאַ וואויל קינד אַטייערס, אַזאַ וואוילע נשמה, אַזאַ דימענט הארץ, זאלסט לעבּען אין דחקות, אין דאגות?.

**בריינע:** מאמעניו, נאך-וואס זינדיגסטו? מע טאר גאר דערויף נישט וויינען! דער מענטש איז שלאַף דערויף, ער זאל קאָנען איבער-מאַכען דאס מזל זיינס. נאר מע דאַרף גאר אַזוי בײַ זיך נישט אַראָפּפאַלען. אַז מע לעבט אין שטענדיגער נויט און מע זעהט פאַר זיך, ווי אַנדערע לעבען גליקליכער; מע דאַרף קאָנען געפונען גליק אינ׳ם אייגענעם לעבען, אויב עס איז נאר ריין, אויב עס איז נאר ניט פערפלעקט מיט פערשיעדענע פאַסקוד-סטוועס. דערמאַן זיך נאר, מאַמעניו, ס׳אַגליקליכקייט דער טאַטע, עליו השלום, האט זיך שטענדיג געפיהלט, חאטש עס פלעגט זיך ניט זעלטען מאַכען, אַז עס איז אויף קיין ברויט נישט געווען? ער פלעגט תמיד זאגען, אַז ווען ער זאל זיין אַזוי גליקליך, ווי געלטמאַנן, און בײַ אַזאַ אופן, ווי געלטמאַנן איז גליקליך, וואלט ער זיך דערוואָרגען, — אט אַזוי וואלט איהם געשטיקט דאס גליק, וואס איז אָנגעפוללט מיט שלעכטס... געדענקסט, ווי ער פלעגט תמיד זאגען, אַז ער איז גליקליכער פון אַלעמען אויף דער וועלט, אַז ער איז גליקליך מיט זיין אָרומקייט, גליקליך, ווייל דאס געוויסען זיינס איז ריינער פונ׳ם זוממערדיגען לויטערען הימעל?... מאַמעניו! זיין נשמה שוועבט דאך תמיד פאַרבײַ מיר, זיינע וואָרטער קלינגען דאך מיר שטענדיג, ווי די שאָנסטע זיססטע קולות, — דאס איז דאך די ירושה, וואס ער האט מיר איבערגעלאזט. — ווי-זשע קאָן איך דאס פערבייטען אויף גאלד-אויף רייכקייט? (פיינערשע וויל רעדען. זי לאזט ניט.) איך וויים, וואס דו ווילסט זאגען: אַז בראַווינסקע איז אָרינטליך? מאַמע, איך וויים דאס אויך. נאר דארט איז „פינסטער"... בײַ בראַווינשטשעכען אין שטוב איז מען אינשטאַנד צו טהון אַיין אומרעכט און אַפילו קיין בעגריעף נישט האבען. אז מע טאר אזוינע זאכען נישט טהון: דארט איז „פינסטער"... נאר האָדי דיר-זשע וויינען, מיין מאַמעניו טייערינקע! (ווישט איהר די טרערען) לאז מיך אביסעל בעקלערען-זיך, וואו איך האַלט אין דער וועלט...

**פיינערשע:** דו לובסט איהם אליין אזוי אפט...

**בריינע:** נו גענוג-שוין, מאמעניו, האָדי דיר מיט דיין בראווינסקען. גֵעה אין שטוב ארײַן, לאז מיך דא אליין אווײלע. (פיינערשע געהט ארײַן אין שטוביל, בריינע פערטראכט זיך.) ס׳אשווערקייט ס׳איז מיר אויפ׳ן הארצען, ס׳אַפּחד עס נעמט מיך דורך בײַם געדאנק פון דעם, וואס עס שטעהט מיר פאָר! ארבייט, מיין מוח, קלער, קלער, טאמער וועסטו עפעס פארט דערקלערען... (פערטראכט זיך. פון שטוביל געהט ארויס יאשע; ער שטעהט אווײלע און בעטראכט בריינען פערוואונדערט; ענדליך געהט ער צו צו איהר.)

**יאשע:** בראָניטשקע! וואס איז דאס היינט פאר נייעסען?

**ברײנע:** דאס, וואס דו זעהסט, און דאס, וואס דו הערסט...

**יאשע:** דו ווערסט א כלה פאר...

**ברײנע:** פאר בראווינסקען.

**יאשע:** ווילסט זיך לעבעדיגערהייד בעגראָבען? דו פערמאכסט פרייוויליג די אויגען און געהסט אין אזא „פינסטערניש"? גאטט איז מיט דיר! וואס קלערסטו זיך?

**ברײנע:** וואס זאָל איך קלערען? דאכט-זיך, גאר-ניט... נאר לעאָנטי אראנאוויטש איז אבער פארט איין אָרינטליכער יונגערמאנן, ער איז אוואוילער מענטש, מע דארף איהם נאר אביסעל דאס לעבען בעלייכטען, ער איז דאס ווערטה. יאַשינקע! דו מיינסט דאך ניט, אז דאס רייכקייט זיינס פערבלענדט מיך... דו ווייסט דאך, אז איך קאָן זעהר גוט בראווינשטשעכען, אז ביי איהר אין שטוב וועל איך קארג-וואס פיהלען דעם טעם פון רייכקייט... איך דאַרף דאס אויף כפרות נאר איהם, לעאָנטי אראנאוויטשען, דאַרף איך; און איהם 'וועל איך דאס גאנצע לעבען מיינס אוועקגיעבען... יאַניטשקע! מיט מיר קומט איצטער פאָר עפּעס אזוינס, צו וועלכען איך ביז נאך קיינמאהל ניט געפּרובט געוואָרען. איך האב איהם ליעב, און אזוי שטארק, אז שיעור וואס דאס הארץ שפּרינגט פון ברוסט ניט ארויס. און איך שווער דיר, יאַשע, אז ניט פאר זיין רייכקייט האב איך איהם ליעב בעקומען; איך האב אין איהם פראָסט דערקאָנט אזא מענטשען, וואס מיט איהם וועט דאס לעבען מיינס אומזיסט נישט דורכגעהען...

**יאשע:** צי האסטו ניט קיין טעות, בראָני?

**ברײנע:** אינגאנצען קאָן איך דיר מיט וואָרטער דייטליך ניט דערצעהלען וועסט זיך צוקוקען צו מיין לעבען, וועסטו מיך דעמעלט אהן ווערטער פערשטעהען קלאהר... (פערדעקט דעם פנים מיטביידע האנט און וויינט שטיל. יאשע זעצט זיך נעבען איהר.)

**יאשע:** איך וואלט קיינמאהל נישט קלערען, אז דו וועסט חתונה האבען פאַר א סוחר...

**ברײנע:** דאס הארץ... דאס הארץ... איך האב אליין מורא פאר דעם קונפטיגקייט, וואס מיר שטעהט-פאר, — און רייס זיך פון-דעסט וועגען צו איהם מיט אלע מיינע כחות...

**יאשע:** איך פערשטעה דיך, בראָניטשקע, איך זעה שוין, אז דו האסט איהם ליעב. דו הייסט מיר צוקוקען-זיך צו דיין לעבען, וועל איך דיך דעמעלט פערשטעהען קלאהר... איך פערשטעה שוין, וואס דו נעמסט אויף זיך; ס'איז אבער אשווערע משא... צי וועלען דאס אויסטראָגען דיינע כחות?

**בריינע:** איך האָף...

**יאשע:** אָ, בראָניטשקע, איך וויים, ווי גוט דאס איז, איך פיהל מיט מיין יונג הארץ, ס'אוואוילקייט דאס איז,— נאר ס'איז שוועהר, שוועהר... דו האפסט, אז וועסט איהם ביסליכווייז אופהעבען צו זיך, אז וועסט מיט זיך אריינברענגען ליכט אין זייער פינסטער ווינקעל.— וואס קאן נאך זיין פיינער און עדעלער דערפון? ס'איז אבער שוועהר, בראָניטשקע: איך האב מורא פאַר דיינע יונגע, שלאַפע כחות...

**בריינע:** איך האב איהם ליעב

**יאשע:** האסטו, הייסט עס נים, וואס מורא צו האבען? ס'קאן זיין, אז ביזסט גערעכט; נאר זעה-זשע, בראָניטשקע, דו אליין זאלסט ניט פערבלאָנזען, דיך אליין זאל דאס גאלד ניט אראפפיהרען פון וועג...

**בריינע:** (מיט אזארט.) שווייג, שווייג! איך וויל דאס אי ניט הערען פון דיר! דו קאָנסט מיך ניט, צי וואס?

**יאשע:** איך קאן דיך און וויים, ווער דו ביזסט; נאר דאך רעכען איך נישט פאר איבעריג נאך אמאהל דערמאנען דיר, אז ס'איז נאך ווייניג, וואס דו אליין וועסט אויף עביג בלייבען ריין און פיין, אזוי ווי איצטער,— מיט אלע כחות דארפסטו זיך שטרעבען דער־צו, אז בראווינסקע זאל דיך ווערטה זיין!...

**בריינע:** נו, נענוג, גענוג. איך בעט דיך! דו רעדסט אלץ איבעריגע זאכען...

**יאשע:** נו, מעהן וועסטו פון מיר קיין וואָרט דערפון נישט הערען, איך בין זיכער, אז דו ווייסט, וואס דו האסט צו טהון, און איך גלויב און האף, אז אייער לעבען וועט זיין אזוי ליכטיג און גליקליך, ווי איך ווינטש אייך מיט'ן גאנצען הארצען.

**בריינע:** אט אזוי— האב איך דיך ליעב: דו ביזסט מיין שטענדיגער וואוילינקער יאַניטשקע. ביזסט ווערטה דערפאר אי אַ קוסש...

(זי טהוט איהם א קוסש. אין דעם קומט אן פיינערשע.)

**פיינערשע:** (דערשראקען) בריינע! וואס הייסט דאס?!

**בריינע:** (לופט-צו צו איהר און נעמט זי ארום.) מאמע, מאמאטשקע! וואס האסטו זיך אזוי איבערגעשראקען? יאשע האט ביי מיר היינט פערדיענט אַקוסש און מעהן גאר ניט. און איצטער וויל איך, אז דו זאלסט מיך אַקוסש טהון.— איך האב דאס היינט אויך פערדיענט ביי דיר: זאג דרייקאפען, אז איך ווער אַ כלה פאר בראווינסקען. (צעוויינט זיך.)

**פיינערשע:** פאַגעלע מיינס! וואס-זשע ווינסטו? לעבען מיינס! קינד מיינס!

## דער פארהאנג פאלט.

# צווייטער אקט.

### אין אכט חדשים ארים

(די דעקאָראַציע פונ'ם ערשטען אַקט.)

(ליובע און מעניקע שטעהעןביים לייטער, וואס פיהרט אויף דער טעררַאסע.)

**ליובע:** מענדיל! איךבעט אייך: טשעפּעט זיך אפּ. איך האב אַייך שוין ווי פיעל מאהל געזאגט, אז איך וויל דערפון אי נישט הערען, או איר שעמט זיך ניט ערנידריגען-זיך אויף אזוי פיעל און דוללען מיר אַקאָפּ מיט אייערע פוסטע מַעֲשות.

**מעניקע:** ווי איך בין איודיש קינד, ס'איז ניט קיין פוסטע מעשות! איר מיינט. איך בּאָלבעט פשוט אין דער וועלט אַריין? איר האט אַטעות,— זאל איך קריינקען. אויב איך לַייג! איך וויים פּאָלאָזשים, פאר וואס איר זענט אויף מיר ברוגז: אייך געפעלען ניט מיינע גאַנג אין קלייט...

**ליובע:** ברוגז בין איך אויף אייך ניט,— איר מעגט זיין זיכער דערינען; נאר אויב איר ווייסט אזוי גוט. אז אַייערע מיאוס'ע גאַנג געפעלען מיר ניט, און אויב איר ווילט, איך זאל אויף אייך קוקען, וו אויף אַמענטשען, דארפט איר אליין פערשטעהען, וואס איר האט צו טהון...

**מעניקע:** איך פערשטַעה, ליובע, איך פערשטַעה איך וויים, אז איך דארף די מיאוס'ע גאַנג אוועקווארפען און פיהרען זיך אָרינטליכער; און איך שווער אייך, אז אויב איר וועט פון מיר נאך אמאהל ווען-עס-איז זעהען אזוינע מינים קונצען, ערלויב איך אייך פריי פאר אלעמען פערשפייען מיר די אויגען און רופען מיך „פּאָדליעץ״!

**ליובע:** איך בין, דאנקען גאטט, ניט אויף אזי פיעל פערשייט, איךי זאל זיך דערוועגען עמיצען ישפייען אין פנים און רופען איהם מיט מיאוסע נאָמען,— און איר מעגט זיין זיכער, אז איר וועט פון מיר קיינמאהל אזוינע זאכען נישט הערען און נישט זעהען; נאר אויב איר ווילט ערינסט אוועקווארפען אייערע מיאוס'ע גאַנג און ווערען איין ארינטליכער מענטש. וועט עס פאר אייך אליין זיין פיעל געזונטער, פיינער און אסך נוטצליכער אינ'ם לעבען. מיך וועט עס געווים פרעהען,— נאר... דאס, וואס אייך גלוסט-זיך, קאָן קיינמאהל נישט זיין...

**מעניקע:** פאר וואס?

**ליובע:** מענדיל, אזוינע שאַלות פרעגט מען ניט. און איר דארפט וויסען זיין, אז ס'איז זעהר ניט שאַן אָהן אַיין אופהער פאָרלעגען דאס, אין וועלכען מע האט אייך שוין ניט איין מאהל אפגעזאגט: דאס ווערט אנגערופען „אַיינעסען-זיך'. (וויל אוועקגעהען)

**מעניקע:** אט הערט מיך אוים, איך בעט אייך! וואס ענטלויפט איר?

**ליובע:** מענדיל, איך האב נישט וואס צו הערען: דאס וואס איר ווילט מיר איצט זאגען, האט איר מיר שוין ניט אַיין מאהל געזאגט, און איך ווייס דאס שוין גוט אויסווענינ... נאר איך ענטלויף גאר פון אייך ניט: איר זענט ניט קיין בער, איך זאל פאַר אייך מורא האבען; איך געה נאר אוועק, ערשטען, ווייל איך וויל טאקע נישט הערען, ווי איר מאכט זיך נאַריש; און צווייטען, ווייל איך האב גענוג ארבייט, און לעַדיג זיצען איז עפעס ניט אזא יושר. פאר אייך, גוליבט מיר, איז דאס אויך ניט פיין: גֵעהט-זשע בעסער אין קלייט אריין; (וויל אוועקגעהען.)

**מעניקע:** (האלט זי איין) ליובאטשקע! טייערינקע!

**ליובע:** מענדיל! איך בעט אייך, לאזט מיך צו רוה: איך בין אייך נישט קיין „ליובאטשקע" און ניט קיין „טייערינקע" איך פאָדער פון אייך ניט, איר זאלט מיך דַוְקא רופען „ליובאָווי אראָנאָוונא" נאר קיין ליובעזנאסטיען וויל איך פון אייך אויך נישט הערען.

**מעניקע:** ליובאָווי אראָנאָוונא! זייט מיר מוחל: איך האב עס ניט בע-קלערטערהייד אזאָג געטהון; ס'האט זיך ביי מיר נישט ווילענדיג ארויסגעריסען פונ'ם הארצען, וואס פלאקערט און קאכט מיט גרוים ליעבשאפט צו אייך.

**ליובע:** ווידער?! מענדיל! איך בעט אייך, האט גאטט אין האַרצען און דולט מיר קיין קאָפּ ניט מיט אייערע פלאמענדיגע ליעבעס, וועלכע איר האט אויסגעלייענט אין אביכעל, אדער, גיכער, געהערט דערצעהלענדיג פון איהר, און וועלכע איר טהיילט אויף זעהר פיעל חלקים... איך ווייס דאס גוט, און מיך וועט איר נישט אָפנאַרען...

**מעניקע:** זאל איך קריינקען, אויב איך האב, חוץ אייך, נאך ווער-עס-איז אזוי ליעב!

**ליובע:** מיינט ניט, איך בעט אייך, אז ס'פערדריסט מיך שטארק, — קיין קאַפּ נישט, מעגט איר מיר גלויבען! איך זאג דאס אייך נאר, כְּדֵי איר זאלט וויסען, אז איך בין אין אייך נישט גענאַרט: איך קאָן אייך זעהר גוט און ווייס אלע אייערע זעלטנע מַעֲלות... איך זאג אייך נאך אמאהל: אויב איר ווילט זיין אַמענטש, דארפט איר אוועקווארפען „אלע" אַייערע גאַנג, ניט נאר די

קרייטישע; און ווי אייערער איין אמת׳ר גוטער-פריינד — וואונטש איך אייך, איר זאלט גיכער קומען צו דעם געדאנק און זאלט ארויסראַטעווען אייער מענטשליכקייט פון אט דער פאסקודנער בלאָטע, אין וועלכער עס קאן, חלילה, אויף עביג פערזינקען ווערען, אויב איר וועט אויף זיך נישט אַכטונג גיעבען. נאר אויסער דעם אלעמען, דארפט איר אֵיין מאהל אויף אלע מאהל אוועקווארפען אייער נאַריש מאכען זיך, נים אוהאַזשעווען נאך מיר און נים פלאקערען צו מיר מיט אייערע ליעבעם: איך זאג אייך קלאהר און דייטליך, אז מיט יענער ליעבשאפט, וואס איר מיינט, וועל איך אייך קיינמאהל נישט ליעב האבען, — און רעדט זיך, איך בעט אייך, נישט אַיין, אז איר וועט פאר מיר חתונה האבען... נאר, אזוי ווי אייך קאן מען שוין מעהן אפילו קיין קליינינקייט נישט גלויבען. און מיט מיין שווייגען וועל איך גאר-נישט ניט מאכען: איר וועט מיר נישט אופהערען דוללען אַקאָפּ מיט אייערע ליעבעם, — זאלט איר וויסען זיין, אז היינט דערצעהל איך דאס אליץ דער מאַמעניון.

**מעניקע:** איר מעגט דאס דערצעהלען וועמען איר ווילט, נאר איך האב אייך פארט ליעב, מיין טייערינקע. מיין וואוילינקע ליובאטשקע!

**ליובע:** אַך ס׳אשלעכטער איר זענט! נ נ נ אַ! (געהט ארויף אוף דער טעראסע, פון דארטען — אין שטוב.)

**מעניקע:** (נאך אקליינער פאאוזע.) אט האסטו דיר! אט אזוי שניידט זי מיר תמיד אפ דעם צונג מיט איהרע זיססע רעד. עי-עי-עי!... אֵיין האפענונג איז נאר געבליעבען אויף דער אַלטער: יענע חלש׳ט מיך האבען פאר איין איידעם. נאר גאטט ווייסט, צי ס׳וועט זיך איהר עפעס איינגיעבען אויספיהרען מיט אט דער ליובען. מיט ליאָווען האט זי דאך גאר-נישט ניט אויסגעפיהרט; ווי פיעל זי האט זיך נישט געקוויינקעלט, האט זיך דאס איהר פון-דעסט-וועגען נישט אַיינגעגיעבען, ס׳האט איהר גאר-נישט ניט געהאלפען, ליאָווע האט זיינס אויסגעפיהרט און האט חתונה געהאט פאר פיינערשעס טאכטער. און דאָס אֵייגענע קאָן זיין אי מיט ליובען, — וועט זיך אַיינשפאַרען: „ניין און ניין", און געה מאַך מיט איהר עפעס! מיט געוואלד וועט זי דאך זי אין דער אֶמת׳ן נישט חתונה מאכען פאר מיר, אז יענע וויל פון מיר אי נישט הערען. נאר פאר מיר פאַסט דאָך דאס גאר ניט... טשאָרט וואָזמי, ס׳וואלט פאר מיר געווען אזא גילדערנער שדוך, טשעסטנאָיע סלאָווא! אקלייניגקייט, בראווינשטשעבעס טאכטער? פינעף טויזענט קאָרבליך... ס׳איז ניט קיין שפיעלעכעל! — און שאֵן איז זי אבער משוגע׳נער-ווייז; וואס אַטאג — ווערט זי דיר

צו אַלדע רוחוה, שאָנער... פו, טע טשאָרט וואָזמי! (קראצט זיך פאר דאסאדע. לינקס פון דער טיעף סצענע הערט זיך אפרויען-קול זינגען: „באלאמוטע", («Баламуты»), וואס ווייטער, הערט זיך דאס געזאנג נאהענטער.) שאַ! האַלי גֵעהט! חע-חע-חע... זי זינגט שוין... אויסגעצייכענט! זי איז אויך שאֵן, ווי די וועלט, און האט נאך מיך אַזו ליעב,— חע-חע-חע. (רעהט די וואנצען) וואָס-זשע זאל דאס מיך אַזוי אַרען? לאז זיך זארגען דער מאַנן איהרער – די טשאַחאָטקע,— חע-חע-חע... האַלי קאָן מיר נאך דערינען אויך אונטערהעלפען: די אַלטע האַלט פון איהר מעהן ווי פון אַלע קינדער; אַז זי וועט פאַר מיר אויסרעדען אַגוט וואָרט, וועט דאָס מיר גאָר ניט שאָדטען,— טשעסטנאָיע סלאָוואָ! און, פערקעהרט, לאז זי מיר ווערען אַשטיקער שונא, איז פערפאלען אינגאנצען די חתונה! (קוקט זיך איין אין דער טיעף פונ'ם סאד) פו, טע טשאָרט וואָזמי! אין אַמאַלאָראָססייסקען קאָסטיום,— שאֵן ווי אמלאָך... אַך! איך וועל דאס היינט ניט אויסהאלטען. טשעסטנאָיע סלאָוואָ: זי פער'כשופ'ט מיך מיט איהר זעלטענער שאֵנקייט! (האלי געהט צו נאהענטער זינגענדיג, ער לופט איהר ענטקעגען) האַלי! מיין קאָחאַנאָטשקע טייערע! (זי שטעלט זיך אפ אונטער אבוים, ער קוקט זיך ארום.) ס'אשאֵנקייט דו ביזסט היינט! (וויל זי נעמען פאר אהאנט, זי לאזט ניט.) וואָס איז דאס? ביזסט ברוגז! האַלאָטשקע?

**האלי:** (ענדיגט דעם קופלעט.) . . . «Вси вы хлопци, баламуты»

**מעניקע:** ניין, ניט „וְוִסִי"!

**האלי:** „וְוִסִי"!

**מעניקע:** איך – געווים ניט!

**האלי:** קיין זַיידענע זענען צווישען אייך נישטאָ; אלע זענט איר פון פראָסטען טשערקעסין!

**מעניקע:** ניין, ניט אלִע!

**האלי:** פש... או-וואַ! ס'אַציאַצי אביסעל דו ביזסט...

**מעניקע:** האַלי! וואס רעדסטו דאָס היינט? נעכטען ביזסטו געווען אזא וואוילינקע, און היינט...

**האלי:** נעכטען איז געווען „זונטאָג", און היינט איז מאָנטאָג" – אַשוועהרער טאג:..

**מעניקע:** איך הויב דיך אי נישט אָן צו פערשטעהען.

**האלי:** גֵעה אין קלייט אריין, מעניקע! וואס שטעהסטו?

**מעניקע:** אָט דאָס איז גאָר?

**האלי:** גענוג וועט זיין פון דיינעט-וועגען...

**מעניקע:** פאַר וואָס-זשע קומט דאָס מיר?

**האלי:** אַז וועסט אַלץ וויסען, וועסטו גיך אַלט ווערען...

**מעניקע:** (פערנייגט זיך.) מאָיאָ פּאָטשטעניע, אַננאַ אַראָנאָוונאַ! (געהט אוועק און קעהרט זיך תיכף אום) האַלי! וואָס איז דאס מיט אַייך, וואס איר זענט היינט אזא טשורנע?

**האלי:** ביזסט דאָך אוועקגעגאנגען,– וואָס-זשע האָסטו זיך אומגעקעהרט? איך האב דאָך דיך נישט גערופען צוריק, אַזוי ווי דו האָסט אֶפשר געמיינט און געוואלט? אַ מציאָה אַטייערע! ער מיינט אין דער-אֱמֶת׳ן, אַז מע חַלש׳ט שוין טאַקע אַזוי נאָך איהם; ער מיינט אין-דער-אמת׳ן, אַז ער איז שוין טאַקע אזא פּאַרשוין, וואָס קאן פער׳כִשופ׳ן אַלעמען און דרַעהט זיך אום: אי נאָך מיר, אי נאָך ליובען, אי וויים איך נאך, נאך וועמען...

**מעניקע:** נאָך וועמען? אַנו, זאגט, נאָך וועמען? אַהאַ? איר שווייגט? אָט דאס איז דאך די מעשה, וואָס איר ווייסט ניט, און רעדט נאר, גאָטט ווייסט וואס! איך אוחאַזשעווע נאך ליובען,–דאָס לייקען איך גאָר ניט: איך וויל טאַקע חתונה האָבען פאַר איהר... מאָרגען נאָכ׳ן קאַלטען קוגעל...

**האלי:** געוויס, אַז איר וועט זיך נאר נעמען מישאַיען, וויים איך אויף פריער, אַז איך האָב זיך נישט וואָס צו דוללען: איר קאָנט מיר געוויס דערינען קאַלי-מאַכען; נאָר דערויף האָב איך זיך קיינ-מאָהל נישט גערעכט: איך: האָב געמיינט, אַז איר האָט מיך ערינסט ליעב...

**האלי:** אַזוי ווי דו ביזסט דאס ווערטה...

**מעניקע:** זעה, ווי דו מוטשעסט מיך, מיין האַלאָטשקע! דו ווייסט דאך, אַז איך האב דיך ליעב, ווי דאס לעבען! און ווי קאן איך דיך ניט ליעב האבען, אַז דו ביזסט היינט אזוי שאֵן? שאֵן, ווי אַמלאך! שאֶנער! (קוסשט זי.)

**האלי:** גַעה אַוועק פון מיר, שאַלאָפּאַי! איך וויים וועמען דו האסט ליעב...

**מעניקע:** חא-חא-חא:.. פון וואַנען האסטו דאס גענעמען, אַז איך האב ליובען ליעב? צי ניט פון די קאָמפּלימענטען, וואָס איך שיט פאַר איהר אַלע טאָג? האַלי, דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַבע-טרעף עס האָט..

**האלי:** פונקט אַזאַ בעטרעף, ווי דאס, וואס דו זאָגסט, אַז דו האָסט מיך ליעב? ביזסט אַגוטער שאַלאָפּאַי! וואָלסט נאר אַלעמען געדרעהט די קאָפּ... ש-ש-ש... אָן געהט, דאַכט זיך, די מאַמעניו... אַנו, מאַרש אין קלייט אַריין!

**מעניקע:** קאָחאַנאָטשקע מיינע! (טהוט זי אקוסש און לויפט אוועק רעכטס, פון דארטען גנב'ט ער זיך ארום און אנטלויפט אויף גיך לינקס, אין דער טיעף סצענע, אזוי אז בראווינשטשעכע, געהענדיג פון דארטען, בעגעגענט איהם ניט. האלי זעצט זיך ביי דער בעסיעדקע און זינגט פאר-זיך דאס פריע-ריגע ליעד, ביז עס געהט צו איהר-צו בראווינשטשעכע.)

**בראווינשטשעכע:** אַ! מיין זינגערען איז שוין דא? וואס מאַכסטו האַליושע? (קושען זיך)

**האלי:** זעהסט דאָך? דאַנקען גאָטט, מעגערער ווער איך ניט.

**בראווינשטשעכע:** דאַנקען גאָטט, דאַנקען גאָטט! (בעקוקט זי.) או. מיין האַ-ליושע! ביזסט דאָך היינט, קיין עין-הרע, שאֵן, ווי אַלע זיעבען וועלטען. שוין לאַנג האב איך דיך נישט געזעהען אין דעם מאַ-לאָראָססייסקען קאָסטיום. אַך, ווי ער פאַסט דיר! אַך ס'אַשאֵנקייט!

**האלי:** טאַקע, מאַמאָטשקע? (קושען זיך.)

**בראווינשטשעכע:** ס'הייסט, ביי דיר איז דאס נאך אַ שאלה? חע-חע-חע... איך זאג דיר, ווען איך זאל זיין אַבחור, וואלט איך זיך אין דיר פערליעבט ביז אַריבער די אויערען, — זאל איך אַזוי לעבען! (קוסשט זי.) אָ, מיין קראַסאַוויצע! אָ, לאז נאר דיין אַלטיטשקער אונטערקומען, וועל איך זיך צו איהם, ווי אַקלעק, צוזעצען, ער זאל מיר באַלד בעצאהלען צ'עהען טויזענט קאָרבליך פאַר דער קראַסאַוויצע, וואס איך האב איהם אַריינגעטהיילט!

**האלי:** (מיט אזיפץ.) טאַקע „אַריינגעטהיילט"... (לאזט אראפ די קאפ פערזארגט)

**בראווינשטשעכע:** (מאכט-זיך נישט-הערענדיג) האסט ניט געזעהען ליובען?

**האלי:** ניין, זי קער זיין אין שטוב.

**בראווינשטשעכע:** און אַודאַי מיט'ן וויסטען ביכעל? אַי, די אָבראַזאָואַניע די פערפינסטערטע, — צעלאָפּעט וועל איך פון דעם ווערען! (זיפצט) ס'איז אי פריער פונ'ם מיידעל קיין טאָלק נישט געווען איבער איהרע ביכלעך; און איצט, זינט דער אויבערשטער האט מיך בעגליקט מיט דער אָבראַזאָוועטער שנור, האט זי זיך נאר פונ'ם זינן געריהרט: וואס איך זאג, האט עס ביי איהר קיין ווערטה ניט; וואס בריינקע זאגט, איז הייליג, ווי די תורה — להבדיל. אַריינער אומגליק, — זאל איך אַזוי געזונט זיין! (האלי זיצט פער-זארגט, בראאווינשטשעכע מאכט-זיך נישט-זעהענדיג.) אוי, האַליטשקע, אין קלייט אַז זאלסט זעהען, ס'אַיין איבערקעהרעניש ס'איז געווארען, — ס'איז נאר נישט צו דערקאָנען, אויף מיינע נאמנות! פעררופען קיין קונים טאר מען ניט, לייזען פאַר עפּעס מיט אַקאָפּקע טייערער טאר מען ניט...

**האלי:** ווי הייסט? מילאָ, לייזען טייערער — דאס פערשטעה איך נאָך, עס האט נאך אַשטיקעל זינן; אבער ווי-זשע קאָן מען ניט פעררופען קיין קונים?

**בראווינשטשעכע:** זאלסטו מיר געזונט זיין, מיין האַליושע! וואס פאַר אַשטי-קעל זינן האט עס ביי דיר, מע זאל נישט לייזען טייערער? וואָסער סוחר וויל דאס נישט לייזען פאַר זיין סחורה ווי מינגליך טייערער? קינד אֵיינס! ס'איז דאך שוין לאַנג, וויים איך, פון עביג-אָן איינגעפיהרט געווארען, אַז וואס פאר אַגרעסערע פרייז מע קאָן נאר נעמען, דאַרף מען נעמען; וואס איז, ס'איז, חלילה, אזינד, צי וואס? ווער הייסט דעם קונה צאהלען דוקא טייערער? מע הראַבעוועט דאך איהם ניט. לאז ער זיך דינגען, אז ער וויל און קאָן; וועט ער עפעס אויסדינגען, איז זיין גליק,– ניין, איז מיין גליק. ווער פערשטעהט עס ניט אזא מין פראָסטע זאַך? נאר איך זאג שוין אויך אזוי ווי דו, אז דאס איז צו דערליידען. אז אָךְ און וועה איז, פאָלאָזשים, די יאהרען. אַז איך האב שוין דערלעבט דערצו, איך, איין אַלטע, אַגעניטע סוחר'טע, זאל עס זאגען, אז דאס איז צו דערליידען! נאר, מֵילָא, ווי ס'איז שוין, לאז שוין זיין צו דערליידען... אבער ניט פעררופען קיין קונים,– אַשלאַק איז מיר אַגרויסער! וואס-זשע זאלען מיר דע-מעלט טהון? פערמאכען די קלייט, צי וואס? זי וועט אונז שוין האָדעווען, צי וואס? און פרעג, מיט וואס? מיט איהר „אָבראזאָוואַניע", צי וואס?

**האלי:** דאס פערשטעה איך אויך ניט. דאס מאַכט זי צו פיעל צערע-מאָניעס. איך וואלט עס ניט פערליידען...

**בראווינשטשעכע:** לאנג לעבען זאלסטו, מיין האַלאָטשקע, מיין פאֵגעלע טייערס. (וויינט) דו ביזסט טאַקע ביי מיר נאר אֵיין קינד אַוואווילם: קיינ-מאהל האסטו מיר נישט געטהון, אי נישט גערעדט אפילו הערווידער; דו פיהלסט תמיד מיינע וועהטעקען, דיר טהוט שטענדיג וועה דאס האַרץ פאר מיר, פאר דיין אַלטער מאַמען, וואס האט דערלעבט אזא מין וויסטע אֶלטער,– זאל מיך גאטט ניט שטראפען פאר די רעד,– וואס יעדערער מאַכט פון איהר חוזק, וואס איהרע אֵייגענע קינדער קוקען אויף איהר, ווי אויף אַבהמה, וואס פערשטעהט גאר-נישט ניט, וואס די שנור דאַרף זי, שוין פיהרען פאר'ן נאָז און ווערעדעווען מיט איהר, ווי זי וויל נאר... (ווישט אוים די טהרערען) אט הער נאר, איך וועל דיר דערצעהלען, פון וואס ס'האט זיך אנגעהובען: יענע וואָך, דאָ-נערשטאג פאר נאכט, אויפ'ן פידטאָרושעק, שטעהען מיר אין מארק; מיר– ביי אונז אין קלייט, אלע: איך, ליאָווע, ליובע, בריינקע, מעניקע, אי דער שאֵנער ברוך; און פרומע די באַ-קאַליישטשיצע – ביי זיך אין קלייטעל. ביי אונז איז, קיין עַין-הרע, אלייזונג, אויף תמיד געזאגט געווארען. ס'האט קיין האֵנט

נישט געסטייעט; און בײַ איהר, נישט פֿאַר אונז געדאַכט, זאל זיך חאָטש עפּעס אָנהויבען לייזען,— גאָר ניט! פּליצלינג הער איך, זי רופט אַקונה, אַדייטש.— אַנו זאָג איך צו מעניקען: גֵעה-קאָרשט, רוף איהם אַהער!— מיין מעניקע איז נישט פויל און הויבט אָן רופען דעם דייטש צו זיך אין קלייט אַריין׳ יענע האָט, פערשטעהט זיך, אויך ניט געשוויגען און שלעפּט איהם צו זיך, און מעניקע — צו זיך; יענע — מיט בקשות, מיט זיפצען און קרעכצען, און ער געוואהנליך — מיט לאַסקעס, מיט שבועות. דער יורגער איז לסוף צו אונז אַריין. דאָס האַרץ האָט מיר טאַקע אַרים געטהון פֿאַר פרומען, נעבעך: איך וויים דאָך גוט, אַז זי איז, נעבעך, דער אַיינציגער מפרנס פון איהרע ברעקליך קינדער, יתומים; נאר וואָס זאָל מען טהון? דערויף איז דאָך דאָס מסחר; „האַנדעלשאַפּט איז ניט קיין ברודערשאַפט״! זי זאָל געווען איהר׳ס אויספיהרען, וואָלט איך צו איהר גאָר-נישט ניט געהאַט: איז „זי״ אַבריה, קאָן „זי״ פּעררופען אַקונה! און ס׳איז גאָר נישטאָ וואָס פעראיבעל צו האָבען: דערויף איז דאָך דאָס, זאָג איך, מסחר; אַזוי פיהרט זיך דאָס ביי סוחרים פון תּמיד-אָן.— יאָ, איז וואו האַלט איך? אַהאַ!— דער יורגע איז אַריין צו אונז, האָט, דאַנקען גאָטט, געגיעבען גאַנץ פיין צו לייזען; אוז פרומה האָט אופגעהעבען אַקלאָג-אַיאָמער און איז אַריין אין קלייט צו זיך. מיין שנור האָט זיך פערקליבען אין אַווינקעלע און האָט זיך אויך צעוויינט. נו, מילאָ, זי וויינט, לאָז זי זיך וויינען,— ווער פערוועהרט דאָס איהר, חלילה? ערשט, אַז דער דייטש איז אַרויס, רופט זי זיך אָפּ צו ליאָווען: ביי אַייך פיהרט זיך תּמיד אַזוי?

**האריי:** וואָס איז זי איז עס דאָס ערשטע מאָהל געווען אין קלייט?

**בראווינשטשעכע:** ווי דען? פערשטעהט זיך, דאָס ערשטע מאָהל! וואָס איז זי פאַר אַ מחותּנת׳טע צו דער קלייט? זי איז דאָך ביי מיר אַפריצה. נאָר דאָס מאָהל, מיינסטו, איז זי אַרויסגעגאַנגען אין קלייט אַריין העלפען עפּעס טהון? חלילה! זי האָט זיך פערבענקט נאָך ליאָווען, איז זי געקומען היינגען איהם איבער׳ן האַלז אי אין קלייט. ליאָווע איז פון איהרע וואָרטער עפּעס ווי פערשעמט געווארען און האָט איהר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען; רוף איך זיך אָפּ: „אַז מע זוכט ניט״, זאָג איך, „געפונט מען ניט״...— „ווי הייסט, אַז מע זוכט ניט?״ האט זי זיך צעשריגען „מע מעג עס סיידען אַזוי? מע מעג עס אַזוי פריי און ווילד אויסרייסען ביי יענעם דעם לעטצטען ביסען ברויט פון מויל?״— איך בין אופגעלאָפען געוואָרען.— „וואס איז דאס?״ זאג איך:

„מע וועט „מיך” לעהרנען שטיינער? מע וועט „מיך„ לעהרנען, ווי צו האַנדלען”?... איך האב איהר דאָרטען גוט אַריינגעטהיילט: „אַ, דו פאַרשיווע לעהרערקע!” זאג איך: „אַ, דו קבצנ'טע פערשימעלטע! אַז מיר האָבען דיך”, זאג איך: „פאַר רחמנות גענעמען, ווערסטו מיך”, זאג איך: „לעהרנען דרך־ארץ? ניט דערהאַרען וועלען האם”, זאָג איך: „מיינע שונאים!”...— וואס־זשע מיינסטו? מיין זוהנעניו האָט זיך אֶפשר פאַר מיר אַיינגע־שטעלט? ניין! ער איז זיך מיט איהר אַוועק אין קאָנטאָרסקע, האט זיך געשטעלט קעגען איהר אויף די קניעס, האָט זי אָנ־גיצהובען לאַסטין, בעטען, זי זאָל נישט וויינען, זי זאָל זיך דאס האַרץ נישט אָפעסען, האט איהר אָנגעהובען ווישען די טהרע־רען און צוזאָגען, אַז מעהן וועט עס שוין ניט זיין, אַז ער וועט אַליין אַכטונג גיעבען, אַזוינע צעגיינערשע גאַנג זאָלען זיך אין קלייט מעהן ניט פיהרען... געפעלט דיר אַביסעל? „צעגיי־נערשע”... אַצעגיינערקע בין איך שוין ביי איהם גאר געוואָרען? אָט צו וואס איך האב דערלעבט! און וואָס־זשע מיינסטו? מע הויבט דאך איצטער אי נישט אָן צו רופען קיין קונים צו זיך. מעניקע האט עפעס אַיינמאָהל פערגעסען דערינען און געוואָלט אַריינרופען אַקונה, האט דאך איהם ליאָווע שיעור ניט געשלאָגען,— ברײַנע האט איהם שוין ניט דערלאזט. געפעלט דיר אַזאַ קאָמעדיע? און מיר הייסט ער זיך נישט בייזערען אויף איהר; „זי איז מיין ווייב”, זאגט ער: „איז זי אויך אַבעל־הבית'טע!” און איך מוז דאס פערשווייגען,— אַז אָך און וועה איז מיר! נאר גאר־ניט, איך וועל שוין שווייגען איצט ביז נאָוויי־גאָד: אַברירה האב איך,— ער האט דאך פון מיר אַדאָווערענאָסטי; נאר פון נאָוויי־גאָד — אויס! „אין” בין בעל־הבית'טע, „איך” צאָהל גילדיע! קיין דאָווערענאָסטיען גיעב איך מעהן ניט,— אַפריקאַזשטשיק וועט ער ביי מיר זיין,— אָט דעמעלט וועט ער וויסען, וואס הייסט אַיין אָבראַזאָוועטע ווייב!

**האלי:** פע, דאס איז גאר פאַסקודנע; וואס זי מישט זיך אַריין ניט אין איהרע געשעפטען...

**בראווינשטשעכע:** איך זאג דאך אויך דאס אַיגענע! ביזסט אַיין אָבראַזאָוועטע? זאג איך: זיץ אין דערהיים און ברומקע אויפ'ן פאָרטאפיאַן צע־זעצטערהייד.— אבער צו דער קלייט וואס מישסטו זיך, פאַסקוד־ניאַטשקע אַיינע? — היינט מיט ליובען וואס זי טהוט: זי מאַכט זי משוגע,— זאל איך אַזוי געזונט זיין. כְּסֵדֶר מע לייענט און מע לייענט, און לעהרנט זי ברומקען אויפ'ן פאָרטאָפיאַן, כְּסֵדֶר מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט — אַלץ פון אַזוינע

זאַכען, וואס איך הויב אַפילו נישט אָן צו וויסען, וואס דאס הייסט... איך האב ביי איהר שוין גאר קיין דעה ניט; זי קוקט נאר ברייגקען אין די אייגעלעך און שלינגט יעדעס ווארט איהר׳ס, — זאל איך אַזוי געזונט זיין! (לינקס, פון דער טיעף סצענע הערט זיך הוסטען.) אַ, דיין אַלטיטשקער געהט? (האלי זיפצט, בראווינ-שטשעכע בעמערקט דאס כלומר׳שט, ניט.) גאַנץ גוט, מיר וועלען געהען עפעס פערבייסען; דאס האַרץ חלש׳ט (עס קומט אן שוואכמאנן)

**שוואכמאנן:** האַלי! וואס איז דאס? פע!

**האלי:** וואס איז אַזוינס?

**שוואכמאנן:** האסט גאר ניט וואס אנצוטאן חוץ דעם שיקסעשען קאָסטיום?

**האלי:** קוק איהם אן; (וויינט) אָט אַזוי איז ער דיר תמיד: נאר ער טשעפעט זיך, נאר ער טשעפעט זיך... תמיד געפונט ער אבער מיט וואס צו הריזען מיך... איך טאר זיך שוין ניט אָנטאן, אַזוי ווי מיר געפעלט...

**שוואכמאנן:** ווער פערוועהרט עס דיר? פערקעהרט, מיר געפעלט אויך דער קאָסטיום, נאר — אין דערהיים, ביי זיך, — אבער ניט איבער׳ן מאַרק דורכגעהען, ווי אַשיקסע...

**האלי:** אַז דיר שטעהט ניט אָן, וועסטו אַזוי נישט געהען!

**שוואכמאנן:** איך רעד ניט פון דעם, צי עס שטעהט מיר אָן, צי ניין; איך זאג נאר, אַז עס פאַסט ניט, אַווייבעל, אַגעשאָטצטע דאַמע אין שטאָדטיל, זאל געהען איבער׳ן מאַרק ווי אַיין אַקטריסע; אַז עס פאַסט ניט, זאג איך: דו זאלסט אין סאָד זינגען דיינע ליעדליך. — איך האב געהערט, ווי דו האסט היינט געזונגען. — פון סאָד הערט מען אין מאַרק אַריין. ווילסט זינגען? זעהר רעכט, פאַר וואס ניט? פערבעט צו זיך בראָניטשקען, זי זאל דיר אויפ׳ן ראָיאַלי אַקקאָמפּאַנירען, און זינגט זיך געזונטערהייד, — וועט עס זיין אי שאָנער, אי פיינער פאַר דיר.

**האלי:** דיין „בראָניטשקען" וועסט „דו" צו זיך פערבעטען, אַז וועסט וועלען; איך דאַרף ניט און וויל ניט ליובעזניטשען מיט איהר! (אין כעס, געהט זי אויף דער טערראסע, פון דארטען — אין שטוב.)

**שוואכמאנן:** וואס-זשע ביזסטו ברוגז, האַלינקע? איך מיין דאך, ווי דיר זאל זיין בעסער. וואַרט אוים, האַליטשקע, איך גע׳ה אויך. (הוסטענדיג, געהט ער איהר נאך.)

**בראווינשטשעכע:** (אליין) אַך, ווי ער האט זי ליעב! (פערטראכט זיך.) און זי — איהם? (זיפצט) נו, ניש׳קשה, זי איז נאך אַקינד, ליעגען איהר אין זינן נאַרישקייטען; זי וועט עלטער ווערען, וועט זי אַליין פערשטעהען, אַז איך האב איהר טובה געמיינט דערמיט, וואס

איך האָב זי, קענגען איהר ווילען, חתונה געמאַכט פאַר שוואַכ-
מאַנען: ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט! (פון שטוב געהט ארויס
ליובע) אַ, ליובאָטשקע? וואָס ווילסטו זאָגען גוטס?

**ליובע:** (פערשעמט) מאַמעניו, ליובעניו! (נעמט זי ארום און קוסשט זי.)
זאג מעניקען, לאָז ער מיך ניט טשעפּען, לאז ער מיר נישט
דוללען קיין קאָפּ מיט זיינע ליעבעס...

**בראווינשטשעכע:** חע-חע-חע... וואָס איז? עס שטעהט דיר ניט אָן חתונה
האָבען פאַר אַפריקאַנטשיק? דיין טאַטע, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, איז
אַמאָהל אויך געווען אַפריקאַנטשיק, און—זעהסט דאך ס'אַגוטס
מיר האָבען דערלעבט! (לאכט) און מעניקע איז גאָר קיין נאַר ניט...

**ליובע:** מאַמעניו! זעה, ווי האַליטשקע איז אומגליקליך פאַר שוואַכ-
מאַנען, האָטש ער איז אַזוי רייך... זי איז פאַר צרות תמיד
דער'רגז'נט, צעבייזערט, זי וואָלט אַלעמען נאָר שלעכטס געטהון;
— און דאָס האַרץ איז דאָך ביי איהר אַגוטס. (וויינט) מאַמעניו,
מיך ווערסטו אַזוי נישט חתונה מאַכען...

**בראווינשטשעכע:** איך ווער דיך, מיין קינד, חתונה מאַכען אַזוי, אַז זאָלסט
זיין גליקליך, ווייל דו ווערסט לעבען. (טהוט זי אקוסש אין קאפּ און
געהט מיט איהר אוועק אין שטוב דורך דער טערראסע. די סצענע איז
א ווייל לעדיג. לינקס, פון דער טיעף סצענע קומען אן: בריינע און יאשע)

**בריינע:** אַך, יאַניטשקע! איך קאָן דיר גאָר מיט ווערטער נישט איבער-
גיעבען, ווי מיך פרעהט די ידיעה, וואָס מע נעמט דיך צו אין
אוניווערסיטעט! אָט איצט ווערט זיך פאַר דיר אָנהויבען דיין
לעבען... איך וואָלט שוין גיכער געוואָלט זעהען ליובאָטשקען און
איבערגיעבען איהר אויך דעם נייעס: עס ווערט זי מחיה זיין.—
ווייסט, יאַשינקע, וואָס איך קלער? (לאכט) אָט זעץ זיך אַקאָרשט.
(זיי זעצען זיך.) ווערסט ענדיגען דעם אוניווערסיטעט, ווער איך
דיר רעדען אַשדוך. [יאשע צעלאכט זיך] ווייסט, מיט וועמען?
מיט ליובאָטשקען!

**יאשע:** אָהאָ, ווי הויך דו ביזסט פערפלויגען!

**בריינע:** נו, נו, איצטער מעגסטו לאַכען, שפּעטער ווערסטו בעסער ווע-
רען: ווערסט אין אַפּאָר יאָהר אַרום קומען אַהיים, ווערסטו זי
גאָר נישט דערקענען, ווערסט פאַר זיך דערזעהען אַמיידעל-אַלייט!
זי איז איצטער אויך אַגאַנץ וואויל מיידעל.

**יאשע:** אַך, ס'אַוואוילינקע! איך האָב זי אַזוי ליעב... זי איז נאָך
אַקינד, נאָר אַזאַ וואויל קינד, אַמחיה! אָט ווער איך דיר באַלד

**בריינע:** ווייזען אַזאַך, ווערסטו מיר מודה זיין, אַז זי איז ווערטה, מע
זאָל איהר יעדער אֵבר צעקושען. (נעמט ארויס פון קעשעני אהעפּ-
טיל פּאפּיער.) זינט איך בין צו זיי אָנגעקומען, האָט זי אָנגע-

הויבען אַלע טאָג פערצייכענען אין אָט דעם ביכערע אַלע גע-
דאַנקען, אַלע געפיהלען, אַלע אַיינדריקען איהרע, — פערשטעהט
זיך, אַזוינע, וואָס האָבען אַשטיקעל ווערטה. יענע וואָך, ווייסטו
דאָך, וואס ביי אונז אין קלייט האט זיך אָפגעטון? די שוויגער
האט וועלטען געקעהרט, האט מיך בעשאָטען מיט אַזוינע רֵעד,
וואס איך האָב זיך שוין אויך ניט געקאָנט אַיינהאלטען און האָב
יענעם טאָג גענוג איבערגעוויינט. קאָנסט זיך פאָרשטעלען,
ס'אַוואוילקייט ס'איז געווען אויפ'ן האַרצען... אָט איצטער נעם
דאָס ביכעלע און לייען דורך, וואס זי האָט דערינען דערפו
פערצייכענט; נאַ, אָט איז דאָס. (זי מישט אוף א בלאטעל און דער
לאנגט איהם דאס ביכעל.)

**יאשע:** אינטערעסנע, אינטערעסנע אַקוק-טהון אין איהר אינערלעך
וועלטיל. (לייענט.) „אַך, ווי ס'טהוט מיר וועה דאס האַרץ,
זעהענדיג, ווי בראָניטשקע וויינט היינט גאָר אָהן אַיין אופהער!
וואָס טהוט זיך עס איצטער ביי איהר אויפ'ן האַרצען? צי קומט
איהר צייטענווייס ניט אַרוף דער געדאַנק, אַז זי האָט ניט גע-
דאַרפט פערוואַרפען איהר לעבען אין אונזער פינסטער ווינקעל?
ס'איז דאָך אין-דער-אֶמֶת'ן אַוועהטעק אויסצוהערען פון אַשוויגער
אַזוינע וואָרטער; און די גרעסטע ליעבשאַפט, וועלכע זאָל
ביי איהר זיין מיט ליאָוּוען, איז, דאַכט-זיך, ניט אין שטאַנד
צו פערגלאָטען אָט דאָס שלעכטסקייט, וואס די מאַמע האָט
איהר היינט אַרויסגעוויזען. נאר איך האָב, אַפנים, אַטעות; די
ליעבע צווישען זיי איז אַסך גרעסער און שטאַרקער, ווי איך
האב זיך גאָר געקאָנט פאָרשטעלען: ליאָווע האָט זיך נאר מיט
איהר אַביסעל דורכגערעדט, איז זי מיט אַמאָהל גאָר לעבעדיג
געוואָרען. איך האָב אין איהרע אויגען בעמערקט, אַז איהר
גרויסע, פיינע האָפענונג האט זיך צו איהר ווידער אומגעקעהרט,
אַז זי האט אין זיך ווידער דערפיהלט איהר כחַ, איהר מאַכט...
איך לייען אין איהרע אויגען, ווי אין אַבוך. איך פערשפאָר
גאר הערען איהרע רעד; זי דאַרף נאר אויף מיר אַיין קוק
טהון, ווייס איך שוין, וואס מיט איהר טהוט זיך... היינט זעה
איך, אַז זי איז שטאַרק ביי זיך, אַז זי-איז גרייט די שווערסטע
ליידען איבערצוטראָגען און האָפט, אַז איהר כח וועט. ענדליך,
פאָרט בייקומען... מיר קומט איצטער אַרוף אויפ'ן זינן טורגע-
ניעווס „רודין"; איך דערמאָן זיך איצט, ווי רעדענדיג פון דעם
וואס ס'גיט-צו אַיין עביגען ווערטה אונזער קורצצייטיגען לעבען
ברענגט רודין פאָר אַסקאַנדינאַווישע לעגענדע: ווי דער מֶלֶך מיט
זיינע גבורים זיצען אין אלאַנגען, אין אַפינסטערען סאַראַי אַרום

אַ פייער, בײַ נאַכט, ווינטער-צייט; ווי פליצלינג פיהלט אַריין דורך אַיין אָפענער טיר אַקליין פאֵגעלע און פליהט אַרויס דורך דער צווייטער טיר, און דער מֶלֶך בעמערקט, אַז דאָס פאֵגעלע איז ווי דער מענטש אויף דער וועלט: ס'איז געקומען פון דער פינסטערניש און איז אַוועק אין דער פינסטערניש:— און ניט לאַנג איז דאס געווען אין וואַרעמקייט און אין ליכטיגקייט... איך דערמאָן זיך, ווי דער אֶלטסטער פון די גבורים ווייזט אָן דעם קאֶניג, אַז דאָס פייגעלע ווערט אין דער פינסטערניש אויך ניט פערפאַלען און געפונט זיך זיין נעסט... אינאֵיינעם מיט רודינען קאָן איך זיך איצט ווענדען צו בראָניטשקען מיט זיין טרייסט: טאַקע, אונזער לעבען איז קורץ און פערדאָרבען, נאר אַלעס גרויסעס ווערט דורך מענטשען געבראַכט; דער געדאַנק צו זיין אַהילף פאַר יענע האָכסטע כחות דאַרף דעם מענטשען פער-בייטען אַלע איבעריגע פריידען,— אינ'ס טויט אַליין וועט ער אויך געפונען זיין לעבען, זיין נעסט"... (גיט אפ בריינען דאס ביכעל.)

אָהאָ! אָט דאָס הייסט אַיין אידעאַליסטקע! דאס זענען אָבער געדאַנקען פון אַזעכצעהניאָריג מיידעלע; זי וועט אֶלטער ווערען, וועט זי אַביסעל אַנדערש רעדען... נאָר אַוואויל מיידעל איז זי. ביזסט גערעכט, בראָניטשקע: מיט איהר „רודינען" איז זי טאַקע אַקינד, נאָר – אַוואויל קינד!

**בריינע:** אַיאָ? היינט זעהסטו שוין, ס'אַוואוילע כלה איך שדכן דיר? (לאכט.)

**יאשע:** אַיין אויסגעצייכענטע! (לאכט.) נאר מיר געפעלט ניט, וואָס די שוויגער דיינע איז משוגע. ליאָווע וואָלט זיך קעגען איהר געדאַרפט שטעלען אַביסעל אַנדערש, ווי באַלד זי איז אַזאַ פערשוין; מע דאַרף איהר די פליגעל בעצייטענס אָפהאַקען...

**בריינע:** ווערלינג איך פערשטעה, האָסטו שטאַרק מורא. (לאכט.) נאר לאָמיר זי לאָזען צו רוה. וועגען ליובאָטשקען צו רעדען איז אַסך אַגרעסערער פערגעניגען. מיר זענען מיט איהר איצטער אֵיין נשמה, אֵיין הארץ... אָט – האַלי... אוי, יאַשע! (זיפצט. דאָרטען איז אַגאַנצע פאַמיליענדראַמע...

**יאשע:** יאָ, איך בעמערק עפעס אויך...

**בריינע:** מע האָט איהר, נעבעך, פערבונדען די יאָהרען מיט אָט דעם קראַנקען. ער איז אֵיין וואוילער מענטש, אֵיין פיינער מענטש נאָר זי איז אָבער פאָרט ניט פון אַזוינע נאַטורען, וואָס זאָל זיך קאֶנען אונטערגיעבען דער ביטערער דאָלי. זי מוטשעט זיך...

**יאשע:** איך בעמערק אָבער נאך עפעס...

**בריינע:** איך בעמערק דאס אויך, נאר לאָמיר דערפון נישט רעדען. זאל זי גאָטט אָפהיטען פון אַזאַ מין צרה... זי דערווייטערט זיך פון מיר,

זי קוקט אויף מיר, ווי אויף אַשׂונא; און איך בין זיכער, אַז ווען זי זאל מיט מיר זיין אַזוי נאָהענט-פריינדליך, ווי ליובע, וואָלט איך זי געקאָנט ווי-עס-איז אופהאַלטען דערפון... נאר וואס זאל איך טהון, אַז איך האָב מורא אַפילו נאָהענט צו איהר צוגעהען. (פערטראכט זיך.)

**יאשע:** נו, אַגוטען טאָג, בראָני! איך האָב נאך היינט אַסך אַרבייט: מע דאַרף געהען.

**בריינע:** אַגוט יאָהר! (יאשע געהט אוועק.) יאָ, (זיפצט) אַרחמנות אויף האַלין: מעניקע איז זעהר אַפאַסקודנער מענטש! (פון שטוב לויפט ארויס בראווינסקע—אבלייכער אצעטראגענער.) ליאָוועניו! וואָס איז? קוק, ס'אַבלייכקייט, ווי דער־שראָקען דו ביזסט! (נעמט איהם ארום.)

**בראווינסקע:** (ציטעריג.) בריינדעלע! ס'אַוואוילקייט ס'איז מיר אויפ'ן האַרצע שוין אַהאַלב יאָהר נאך דער חתונה, און איך בין נאך איצטער צעדולט פאַר פרייד און גליק. אַז איך בין אין דיינע אַרמען, אַז איך פיהל אויף זיך דעם קוש פון דיינע וואַרעמע ליפען... (זי קיסשט איהם.) בראָניטשקע! איך וואָלט געוואָלט עביג-עביג' אָט אַזוי ווי איצט, זיין אין דיינע אַרמען... דיינע האָנטעליך... (קוסשט איהרע האנט.) דיין האָנטעלע בעשיצט מיך פון שלעכטס, ווי אַמלאָך'ס אַפליעגעל; דער קוק פון דיינע ליכטיגע אויגען גיסט מיר אַריין אין מיין האַרצען אַזוי פיעל גליק, אַזוי פיעל פרייד... דיין קול, בראָניטשקע, קלינגט מיט אַזוי פיעל גוטס, מיט אַזאַ וואַרעמקייט, מיט אַזאַ ליעבשאַפט...

**בריינע:** וואָס-זשע איז דאס מיט דיר, מיין ליאָוועניו, מיין לעבען? זאָג, וואס איז?...

**בראווינסקע:** גאר ניט... מיר איז גוט, וואויל... (בעהאלט די קאפ אין איהרע ארמען; זי קוסשט איהם אין קאפ.)

**בריינע:** דו ווילסט מיך אָפנאַרען, ליאָוועניו? איך זעה דאָך, אַז דו ביזסט צעררודערט, איך הער דאָך, אַז דיין קול ציטערט, איך זעה דאָך נאָך דיינע אויגען (העבט-אויף זיין קאפ און קוקט אויף איהם.) אַז דאָס האַרץ איז דיר טהוט-וועה.

**בראווינסקע:** (בעהאלט ווידער די קאפ.) ניין, ניין, בראָניטשקע, מיר איז אויפ'ן האַרצען גרינג און גוט... איך האָב דיך ליעב...

**בריינע:** נו, וואָס-זשע איז דאס מיר, אַנייעס, צי וואָס? איך וויים דאָך דאס שוין לאַנג. איך האב דיך אויך ליעב, נאָר מעהן, אַסך מעהן, ווי דו – מיך; ווען דו וואָלסט מיך אַזוי ליעב האָבען, ווי איך האָב דיך ליעב, וואָלסטו פון מיר גאָר-נישט ניט געלייקענט, וואָלסט פאַר מיר אַלץ אויסגעדערצעהלט, פון וואָס דאס האַרץ

איז דיר היינט טהוט-וועה. דו מיינסט, עס וועט מיר גרינער זיין דערפון, וואָס איך וועל דאָס ניט וויסען? — אַסך שווערער! איך זעה, אַז דו מוטשעסט זיך, און וויים ניט, פון וואָס... ליאָוועניו! נו, זאג-זשע, זאג, וואָסאיז דיר היינט אַזוינס? (וויינט.)

**בראָווינסקע:** בראָניטשקע, וואס וויינסטו? איך זאג דאך דיר, אַז גאר-ניט... מיר איז אַזוי גוט פון דיין ליעבשאַפט צו מיר...

**ב ר י י נ ע:** דו לייקענסט פון מיר...

**בראָווינסקע:** גאר-ניט... איך לייקען פון דיר גאר-ניט. — בראָרניטשקע, אין דרויסען איז נאך איצטער סירע, קאָנסט זיך חלילה, צוקיהלען, דו דאַרפסט זיך איצטער אָפּהיטען... גֵעה אין שטוב אַריין, ברייגדעלע!

**ב ר י י נ ע:** אין שטוב אַריין... ניין! איך וועל ניט אַוועקגעהען... זאג, וואס-איז, זאג דעם אֶמת, — גֵעה איך תֵּיכֶף אין שטוב אַריין.

**בראָווינסקע:** בראָניטשקע! אַז זאָלסט וויסען, ווי מיך קריינקט, וואס די מאַמע קאָן זיך מיט דיר בשום אופן ניט צונויפגעהען, ווי אַמוטער מיט אַקינד...

**ב ר י י נ ע:** און מיר איז דאס סיידען אַנגענעהם?

**בראָווינסקע:** וואָלסט איהר חאָטש אַיין מאָהל ווי-עס-איז צוליעבגעטהון...

**ב ר י י נ ע:** וואו ס'איז נאר מיגליך...

**בראָווינסקע:** אָט דאס איז דאך די צָרָה... אָט היינט וועט איר זיך ווידער צוקריגען: איך וויים, אַז דיר וועט ניט געפעלען... (בלייבט שטעהען אין שרעק, דערזעהענדיג, ווי פון דער טערראסע געהן האסטיג אראפ: בראווינשטשעכע, שוואכמאנן, האלי און ליובע, נאך זיי — טרויעריג — ברוך.)

**בראָווינשטשעכע:** אַ, אָט וואו ער האט זיך פערקליעבען? האט זיך שוין אין אַ נאָווינע צוגעקלעבט צום ווייב? לאַנג טאַקע נים געזעהען-זיך מיט איהר... פאַר וואס צערעכענסטו ניט ברוך'ן, — אַ?

**בראָווינסקע:** (צעמישט) מאַמע...

**ב ר י י נ ע:** (ערשטוינט) וואס? צערעכענען ברוך'ן? אַ! אָט וואס ס'קומט דאָ פאָר! דערוויף האָט ער מיך אי אין שטוב-אַריין געשיקט. איך זאל ניט זעהען...

**בראָווינשטשעכע:** „דו" וואָלסט גאר בעסער געשוויגען, וואָרום ס'איז גאר ניט צו דיר שייך...

**ב ר י י נ ע:** איך וויים דאָך אָבער, אַז ליאָווע האט בעדינגען ברוך'ן אויף אַגאַנץ יאָהר, — ווי אַזוי-זשע זאל איך איצטער שווייגען, אַז איר ווילט איהם צערעכענען מיט פיער חדשים פריער פאַר דער צייט? ליאָווע!...

**ב ר ו ך:** איך האב געהאַט אַיאָהריגע שטעל ביי רייכמאַנען, — נאָך-וואס-זשע האט איר מיך פון דארטען אָפגערעדט? איר ווייסט דאָך,

אַז זוממער קאָן מען אין ערגעץ קיין שטעלל ניט בעקומען,— וואו-זשע וועל איך איצטער נעמען אויף ברויט פאַר אַגאַנצער מִשְׁפָּחָה? לעאָנטי אַראָנאָוויטש! איר האט דאך מיר צוגעזאגט...

**בראווינשטשעכע:** ניט דו דארפסט לעהרנען לעאָנטי אַראָנאָוויטשען, ווי אַזוי צו בעדינגען אַמענטשען מיר וואָלטען דיך גערען האַלטען אַגאַנץ יאָהר; נאר וואס זאָלען מיר טהון, אַז מיר דאַרפען דיך איצטער פאָרט ניט? נאָך-וואָס זאלען מיר אומזיסט און אומנישט אַרויס-וואַרפען פאַר די פיער חדשים אַהונדערטער? קיין הונדערטער וואַלגערען זיך אין ערגעץ ניט!

**ריווּבע:** מיט דעם הונדערטער וועט איר דאָך נישט רייכער ווערען, און אויף איהם איז אַזאַ רחמנות... (וויינט)

**בראווינשטשעכע:** אַך, דו עזות-פנים אֵיינער! דו וועסט מיר נאָך אויך זאגען דעות? ביזסט שוין אויך אַיין אָבראַזאָוועטע?

**בריינע:** מע זאגט דער טאָכטער, און מע מיינט די שנור...

**בראווינשטשעכע:** יענץ האב איך געזאגט דער טאָכטער און האב געמיינט די טאכטער, און איצטער וועל איך זאגען דיר און וועל מיינען די שנור, דיך אַליין: דו ביזסט ניט מיין קאָמאַנדירשע, טייער קינד מיינס, וואס דו קאָמאַנדעוועסט אַזוי מיט מיר! אַבעל-הבית'טע בין „איך", און איך הייס ליאָווען צערעכענען ברוך'ן!

**ברוּך:** בַעל-הַבָּית'טֶע! האט גאטט אין האַרצען...

**שוואכמאנן:** שווינער, איר זינדיגט: אַזוי פיהרט זיך ניט ביי לייטען... (הוסט.)

**בראווינשטשעכע:** איך דאַרף ניט הערען קיין דעות! איך ווייס אַליין, ווי אַזוי ביי לייטען פיהרט זיך: אַז מע דאַרף ניט קיין פריקאַזשט-שיק, צערעכענט מען איהם!

**האלי:** (צום מאנן.) וואס אַרט עס „דיך" וואלט איך גערען וויסען? קאַרג הוסטו „אָהן" דעם? דאַרפסט זיך פון יעדער נאַרישקייט אָפּ-העסען דאָס האַרץ...

**שוואכמאנן:** ס'איז ניט קיין נאַרעשקייטען, דאָ שמועסט מען מִכּחַ יוֹשֶׁר!

**האלי:** (צו באווינסקען.) אַיין אוסלאָוויעה אט איר געמאַכט?

**ברוּך:** אַננאַ אַראָנאָוונאַ! מיט וועמען איך עס גערעדט מאַכען אוסלאָוויעס? צי לעאָנטי אַראָנאָוויטשען קאָן מען שוין אויפ'ן וואָרט נישט גלויבען? וועמען-זשע מעג מען שוין גלויבען, ווי באַלד אַז יאָ אַזוי? אָרינטליכע לייט דאַרפען קיין אוסלאָוויעס ניט...

**בראווינשטשעכע:** אַך, די שֵׁגֶץ! גנבים זענען מיר ביי דיר? מאָשעננִיקעס? אַרוּח אין דיין האַרצען אַריין! אָט רוף איך דעם דוואָרניק, וועט ער דיך גיך אַרויסשלַיידערען פון דאַנען. (שרייט.) חוועדאָר!

**בראווינסקע:** מאַמע! וואס טהוסטו?

**בראווינשטשעכע:** וואס טהוסט „דו״ ? פרעג איך דיך : ביז וואַנען נאך ווֶעסטו איהם האַלטען ? קאַרג האבען מיר אָהן איהם דאַרמאָיעדניקעס ? הייס איהם אַוועקגעהען, בעל-הַבַּיִת מיינער ! פון „נאָווי-גאָד״ וועל „איך׳ הייסען אַוועקגעהען – ווֶעמען איך וועל ווֶעלען.

(ברײנע זעצט זיך אויף אבענקעלע און וויינט.)

**בראווינסקע:** נו, און ביז „נאווי-גאד״ בין „איך״ בַעל-הַבַּיִת. אויב דו זעהסט ביי אונז דאַרמאָיעדניקעס, און איך צערעכען ניט קיין מענטשען פאַר׳ן סראָק !

**בראווינשטשעכע:** אַ! אי „דו״ הויבסט שוין אָן...

**ב ר ו ך:** לעאָנטי אַראָנאָוויטש ! קריגט זיך ניט איבער מיר מיט דער מאַמען ; שֶענקט מיר חאָטש אַפופציגער, מיר זאָלען זיך חאָטש ווי-עס-איז דורכלעבען ביז אָסין

**בראווינשטשעכע:** אַפופציגער ?! אַ, פופציג...

**שוואכמאנן:** ש-ש-שאַ ! שעלטען-זיך זאלט איר ניט סמעיען... (הוסט.)

**ה א ל י:** געראָי מיינער, שווייג שוין דו חאָטש !

**שוואכמאנן:** איר וועט זיך נאר אָנהויבען שעלטען, גֵעה איך נאָכ׳ן אוריאַדניק.

**בראווינשטשעכע:** זאלסט מיר איהם ניט סמעיען געבען קיין פופציג קאָפּקעס אַפילו ! – און דו, מיין טייערע שנור, דאַרפסט וויסען זיין, אַז פון אַזוינע זאַכען עססט מען זיך ביי אונז נישט אָפּ דאס האַרץ׳. ביי אונז, אין דער סוחר׳שער וועלט, אַז מע דאַרף ניט קיין מענטשען, צערעכענט מען איהם, און ס׳הייסט ביי אונז אָרינטליך. ווי אַזוי עס הייסט אין אַייער מְלַמֵד׳שער וועלט, גֵעהט עס מיר ניט אָן..

**ב ר י י נ ע:** (היציג.) מלמד׳שער ? יאָ ! אַמלמד איז מיין פאָטער געווען, נאָר אָרינטליך ! איר וועטט מיך קיינמאָהל דערמיט ניט פערשע־מען, וואס איר וועט מיר אויסוואַרפען, פון וועמען איך קום אַרויס. איך וואונטש מיט מיין גאַנצען האַרצען, אַז ליאָזיע זאל זיינע יאָהרען אַזוי פיין און אָרינטליך אָפּלעבען, ווי מיין טאַטע דער מלמד האט זיינע יאָהרען אָפּגעלעבט ! ביי מיין טאַטען אויפ׳ן האַרצען איז קיין פלעק נישט גֶעוֵוען, – הַלוַאי וואָלט אַזוי ריין בלייבען אי ליאָוועס האַרץ ! קיין גרעסערען גליק בעט איך נישט ביי גאָטט...

**בראווינסקע:** ברײנדעלע, איך בין אינגאַנצען דיינער... (קושט זי.)

**בראווינשטשעכע:** (וויינט.) אָט אַזוי איז דאָס... אַשאַנעם כבוד האב איך פון מיינע קינדער...

**שוואכמאנן:** איר האט פון זיי מֵעהן כבוד, ווי איר פערדיענט... (הוסט.)

**ה א ל י:** וואס ווילסט „דו״ ? וואס מישט „דו״ זיך אַהֶער ? אָהן דיר איז ווֶעניג ?

**בראווינשטשעכע:** נאר דו, מיין האַלאָטשקע, ביזסט נאך מיין אֵיינציגע טרייסט געבליעבען. קום, האַליושע! (בראווינשטעכע און האלי געהען אוועק אין שטיב; שוואכמאנן שאקעלט מיט'ן קאפ און געהט זיי נאך.)

**בראווינסקע:** ליובע, גֵעה אין קלייט אַריין און גיעב ברוך'ן אַ פופציגער. רעכט. קומט, ברוך!

**ליובע:** אַדאַנק! גאָטט וועט אַייך, לעאָנטי אַראָנאָוויטש, העלפען פאַר

**ברוך:** דער טובה. (געהט אוועק מיט ליובען.)

**בריינע:** ליאָוועטשקע! שוין דאס אַנדערע מאָהל קומט מיר אויס צו הערען פון דער שוויגער אַזוינע שרעקליכע וואָרטער... זאלסט וויסען, ס'אַשווערקייט ס'איז מיר פון זיי... די מאַמע... (פערדעקט דעם פנים.)

**בראווינסקע:** בראָניטשקע, דו דאַרפסט זיך נישט צוהערען, וואס די מאַמע רעדט. לאָז זי זיך רעדען. זי איז ביי אונז תָמיד אַזאַ כַּעַס'נְטֶע, אַזאַ בייזע, אַז ווי נאר עפּעס עס ווערט געטהון נִיט אַזוי ווי איהר וואָלט זיך געוואָלט, הערט זי שוין דעמעלט אַליין ניט וואָס זי רעדט... אָבער זעהסט, בריינדעלע, ווי דיינע האֶנטעליך האָבען מיך בעשיצט פון שלעכטס? איך האָב אָבער געוואוסט, וואוהין צו גֵעהען נאָך הילף... (קוסשט איהרע האנט.)

**בריינע:** (מיט אשמייכעל) צו מיר? אָ, מיין טייערינקער! ס'אַוואויל האַרץ ביי דיר איז... עס האט דיך נישט דערלאָזט טהון. וואס די מאַמע האָט פון דיר געפאָדערט... ליאָוועניו! (קוסשט איהם) וואָס אַטאָג, וואס אַשעה–האָב איך דיך אַלץ מעהן און מעהן ליעב...

**בראווינסהע:** און איך וועל צו דיר תָמיד לויפען, בְּעֵת עס וועט מיר ווערען שוועהר און פינסטער... דיינע האֶנטעליך וועלען מיך תָמִיד בעשיצען פון. שלעכטס. דיינע אויגען וועלען מיר שטענדיג בעלייכטען דאס לעבען, פון דיינע רֵעד וועט מיר שטענדיו ווערען גרינג... (קוסשען-זיך.) קום אין שטוב, בראָניטשקע! די לופט איז נאך פריש, און דו ביזסט אַזוי לאַנג אין דרויסען. ד דאַרפסט זיך איצטער אָפּהיטען... קום.

**בריינע:** אין שטוב... דאָס האַרץ פערקוועטשט מיר... די קאָפּ האט זיך מיר פֶערדרֵעהט... מיר איז שוועהר... זיין אין שטוב... (בעגט זיך אן צו איהם.) נאר זאָרג ניט, ליאָוועניו... איך וויל ניט, דו זאָלסט זאָרגען... דו ביזסט דאָך נאר מיין נשמה, מיין לעבען... מיט דיר וועט מיר ניט שוועהר זיין איבערצוטראַגען אַלץ-אַלץ... דו האסט דאך מיך ליעב, ליאָווע... (ער טהוט זי אקוסש.) קום אינאַיינעם... (געהט מיט ליאוועו דורך דער טערראסע אין שטוב אריין.)

## דער פארהאנג פאלט.

# דריטער אקט.

אין פיער חדשים ארום.

(די דעקאָ־אַציע פון די פאָריגע אַקטען.)

(דרייקאפ זיצט ביי דער בעסיעדקע און רויכערט אפאפיראס; נעבען איהם זיצט בראווינשטשעכע, בראווינסקע שטעהט אין אזייט פערטראכט.)

**בראווינשטשעכע:** איך האָב לְכַתְּחִילָה געזאגט, אַז איך וויל דערפון נישט הערען און ניט זעהען, און זאָג איצטער אויך, אַז ס׳קאָן מיר מיר נישט זיין צום האַ־צען: איך קאָן נישט צוזעהען, ווי דו ביזסט ביי איהר אַטריאַפּקע, ווי זי דרַעהט דיך אוים ווי אַנאַסע האַנטשירקע. דיר איז דאָס געפעלען? אַז אָך און וָועה איז דיר! האָסט שוין איינגאַנצען דעם שֵׂכֶל דיינעם אָנגעוואוירען, האָסט אין זיך קיין ברעקעל גדלות ניט, ביזסט ניט קיין סוחר,— ביזסט אַבאַבע!

**בראווינסקע:** איך פערשטעה ניט, מאַמע, וואס פאַר אַפערגעניגען דו האסט פון דעם, וואס דו צערעדסט זיך אַזוי אָפענטליך פאַר אַפרעמדען מענטשען...

**דרייקאפ:** פאַר קיין פרעמדען מענטשען האַלט איך זיך, פּאָלאָזים, ניט; נאר איך זאג אַייך דעם אֶמת, אַז איך הויב ניסט אָן צו פערסטעהען, וואס די מאַטוסקע אַייערע וויל פון בראָניסלאַווע דאַווידאָוונען...

**בראווינשטשעכע:** וואס זאל איך ווע̇לען? איך וויל גאָר-ניט. איך וויל נאר, מיין זוהן זאל חאָטש אַביסעלע קלוגער ווערען, מעהן גאר-ניט. אַז אָך און וועה איז אונז, אַז מיר האָבען גאר דערלעבט דערצו, אַ מין פאַרשיווע לעהרערקע מיט אַסמאַרקאַטען סקובענט זאָלען זיך האַלטען עצות, ווי אַזוי מיט אונז זיך צו בעגעהען. און ער דער חכם מיינער, קלייבט נאך פון איהר נחת..

**בראווינסקע:** מאַמע, וואס פאַר נייעסען דערצעהלסטו אַרץ? וואס פאַר עצות האַלט מען זיך דאָרטען? וואו האָסטו דאס געהערט? וואו האסט-דאס געזעהען?

**בראווינשטשעכע:** איך האב דאס ניט אויסגעקלערט, מיין זוהנעניו. איך האב דאס נעכטען אין שטוב געהערט.. (בראווינסקע קעהרט זיך אפ: זי ווענדט זיך צו דרייקאפען:) נעכטען זיץ איך ביי זיך אין ספאַלני און הער, ווי זיי בעסיעדעווען אין זאַלל: זי קלאָגט זיך פאַר איהם, אַז ליאָווע איז די לעטצטע צייט זעהר אַצעטראָגער נער, אַז אי איהרע לאַסקעס קאָנען איהם נישט פרעהליכער

מאַכען, אַז זי ווייס גאר ניט וואס איבערצוקלערען, און נאך ווייס איך וואס פאַר מעשׂות... קיין טהרערען האט זי, פערשטעהט זיך, דערביי אויך ניט געזשאַלעוועט. און ער, דער סטודענט איהרער, טרייסט זי און גיט איהר אַיין עֵצָה נאָך דער אַנדערער, ווי אַזוי צו בעגעהען זיך מיט מיר און מיט ליאָווען: אי אַזוי זאל זי זיך שטעלען ביי אונז אין שטוב, אי אַזוי זאָל זי זיך האַלטען קעגען מיר... ליאָווען, זאָגט ער: וועט ער אַליין פון קאַזאַני אָנשרייבען אַבריוועל און וועט איהם גיעבען אָנצוהערען, אַז זי איז ביי איהם אַווייב, אַז זי איז ניט מחויב טאָג-טאֶגליך אויסצוהערען קללות פון דער שוויגער... ווי געפעלט דאס אַייך, איך בייט אַייך? אַ? אַבאַבאַ-יאַהאַ בין איך שוין געוואָרען אויף דער אֶלטער? איך האַלט שוין נאר אין אַיין שעלטען-זיך?

**בראווינסקע:** איך וועל דולל ווערען פון אָט דעם אַלעמען, - אויף מיין יודישקייט, איך וועל דולל ווערען! פאַר פרעמדע מענטשען אויסדערדערצעהלען אַזוינע זאַכען, וואס די האָר שטעלען זיך דערפון קאַפויר... און וועמען מאַכט זי נאך שולדיג? אַלץ – בראָנין, אומעטום – בראָנין! ווי אַביין אין האַלז שְטֵעהט זי איהר דאָרטען פאָפערעק, ניט אַנדערש!

**בראווינשטשעכע:** (ווייגט) אַשאַנעם כבוד האָב איך פון דיר, זוהן מיינער טייערער! זינט זי איז צו אונז אָנגעקומען, איז ביי אונז אַלדעס-דינג אַוועקגעגאַנגען קאַפויר. ווען איז דאס גאר ביי אונז געווען מיינס אַקינד זאל מיר אַזוי רעדען אַנטקעגען, ווי דו רעדסט מיר איצטער אַלע טאָג? צי האָט זי אונז עפעס אַנדערש אַריינגעבראַכט אין שטוב,– נאר פאָריאַדקעס האָט זי ביי אונז אַיינגעפיהרט „אָבראַזאָוועטע"...

**בראווינסקע:** (טהוט אמאך מיט דער האנט.) אַך! (געהט אוועק לינקס; בראווינשטשעכע קוקט איהם נאך. פאאוזע.)

**בראווינשטשעכע:** גערעַנקט איר אָבער, ווי איך האָב נאך דעמעלט געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויס, אַז מיר וועלען נאר האָבען הארצוועהטעק פון איהר לעכטיגער אָבראַזאָוואַניע? האָט מען דאָך אָבער מיך נישט געהערט? איך בין משוגע געווען? און איצטער איז קאָמעדיעס, ריינע קאָמעדיעס.-- זאל איך אַזוי געזונט זיין!

**דרייקאפ:** איר זינדיגט, מאַדאַם בראַווינסקע.–קאַק צעסטניי צעלאָוועק!

**בראווינשטשעכע:** „איר" וואָלט שוין בעסער גאר געשוויגען! איר האָט נאך אויך אַ הֶעֶזֶע אֶפענען אַ מויל און רעדען נאָך אַשדוך מיין ליובען? שעמט זיך, הער דרייקאפ!

**דרייקאָפֿ:** ע-ע-ע-איך האָב זיך ניט וואס צו סעמען,-קאַק צעסטניי צעלאָוועק!

**בראַווינשטשעווקע:** אַודאַי! איר זענט נאך גערעכט, אַקניפּ אין באָקעלע קומט אַייך, אַפּאָחוואַלינעם ליסט דאַרף מען אַייך אַרויסגיעבען פאַר דעם זעלטענעם שדוך, וואָס איר האט דאָ אויסגעפיהרט: גאָטט און לייט האָבען דאך זיך דא וואס צו פרעהען...

**דרייקאָפֿ:** איך פערסטעה אַייך ניט, מאַדאַם בראַווינסקע,– קאַק צעסטניי צעלאָוועק! איך האָב פריער געמיינט, אַז ס'איז ביי אַייך אַפּשוטער קאַפּריז, אַז איר ווילט נאר אַייערס אויספיהרען; אָבער ספּעטער, האב איך געקלערט: וועט איר מיר אַליין טויזענט מאָהל דאַנקען פאַר'ן שדוך, וואָרום טאַקע גאָטט און לייט פרעהען זיך, קוקענדיג אויף דעם זעלטענעם פּאָר-פאָלק;

**בראַווינשטשעווקע:** געווים, געווים! אַלע מיינע שונאים האבען זיך פון וואס צו פרעהען. עס מעג זיי פרעהען, קוקענדיג, ווי מע טראָגט מיך מיט די פים אַלע מינוט,– און ווער? אַייער לעהרערקע די סמאַרקאַטע! איך קאָן זיך שוין אין גאַס ניט אַרויסווייזען פאַר בושה: מע וועט דאָך מיך פערטיוקען, ווי אַמשוגענע, וואס אויף דער אָלטער בין איך שוין אַזוי פערבאַבעט געוואָרען, אַז יעדע-רער קאָן מיט מיר אויספיהרען, וואָס זיין האַרץ וועט נאר געלוסטען. (זיפצט) נאָר דאָס איז בלאָטע, דאס איז כבוד,– אָבער די געשעפטען געהען קאַפּור,– אָט וואס ס'ראָסט מיר אוים דאָס האַרץ שטיקערווייס! און ווער איז דערינען שולדיג...

**דרייקאָפֿ:** (פערכאפּט.) זי? בראָניסלאַווע דאַווידאָוונע? אַי-אַי-אַי, מאַדאַם בראַווינסקע, איר רעדט דאך טאַקע אַזוינע זאַכען, וואס נאר פון אַגוי, להבדיל, קאָן מען דאס הערען: דער גויעסער קראַס-נאָריאַדעץ לייזט ניט,– ווער איז סולדיג? דער זיד! די מְקָחִים אויף ברויט זענען אין דער ערד,– ווער איז סולדיג? דער זיד! אַלץ דער – זיד, אומעטום – דער זיד! – און ביי אַייך איז אויך דורכאוים סולדיג אַייער סנור...

**בראַווינשטשעווקע:** גלויבט מיר, איך הער,! וואס איך רעד; איך בין נאך ניט גאָר משוגע, אַזוי ווי מיין שנור, זאָל געזונט זיין, האָט אַייך אֶפשר; דערצֵעהלט, אַז איך רעד, רעד איך נאך בעקלערטער-הייד, און איך זעה גוט אַרויס, וואָס דאָ טהוט זיך אַרום מיר, און וואוהין עם קומט אַריין דאָס גאַנצע לייזונג...

**דרייקאָפֿ:** דאָס איז סוין עפּעס גאר ניט פיין: איר זענט זי חושד אין גנבה...

**בראַווינשטשעווקע:** אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קאָפּ! ווער רעדט וועגען גנבה? געהט אַרויס אין מאַרק אַריין, וועט איר תֵּיכֶּף דערזעהן, וואס דאָרטען טהוט זיך: ברוך לייזט צעזעצטערהייד, און מיר שטעהען און קוקוריקען..

**דרייקאָפ:** ס'איז גאָר ניט אַזוי די מעשׂה, מאַדאַם בראַווינסקע! פון צװעצטע לייזינגען זענען היינטיגס יאָהר אַלע בעהיט – און ס'יז גאָר קיין וואונדער ניט: דאָס יאָהר איז אַסלעכטס. אין אַלע געסעפטען איז דאָך היינטיגס יאָהר אַסרעקליכער זאַסטאָי, – קאַק צעסטניי...

**בראַווינשטשעכע:** (שלאגט איהם איבער.) וועמען דערצעהלט איר דאָס? איך זעה דאָך אַליין מיט מיינע אויגען, אַז ער לייזט; און איך זעה נאָך, ווי ער שטעהט תּמיד און קוקט אויף מיר, ווי ער רייצט מיך, מיר אויף צופיקענעש. ער איז זיך איצטער יעדער מינוט אין מיר נוקם דערפאַר, וואס מע האָט איהם צערעכענט.

**דרייקאָפ:** דאָס איז פון אַייך טאַקע, פּאָלאָזים, געווען אַיין עַוְלָה...

**בראַווינשטשעכע:** וואס דערצעהלט איר מיר מעשׂות: „עַוְלָה, עוְלָה!" צי פון נעכטען-אָן בין איך אַסוחר'טע, צי וואס? איך ווייס זעהר גוט, ווען מע דאַרף צערעכענען אַמענטשען; נאר דעם פופציגער האָט מען איהם נישט גערדאַרפט גיעבען: דער פופציגער האָט איהם געמאַכט פאַר אַלאַוואָשניק!

**דרייקאָפ:** איר זענט מקנא ברוך'ן? חע-חע-חע... איר זינדיגט, מאַדאַם בראַווינסקע! איך מעג זיך נאָך וואונצען האָבען דעם חלוק פון אַייער לייזונג צו זיין לייזינג אַפילו ביי „היינטיגס" יאָהר...

**בראַווינשטשעכע:** מיר דאַרפען מעהן...

**דרייקאָפ:** און ער דאַרף ווינצי ער, איז איהם זיין ביסעלע לייזונג איבער-גענוג, ער זאָל זיך קאָנען לעבען, ווי אַמענץ: און אַייך איז דאָס סוין גרויס אין די אויגען, – חע-חע-חע... איר זינדיגט, קאַק צעסטניי ציעלאָוועק...

**בראַווינשטשעכע:** אַי ס'איז גאָר ניט אַזוי די מעשׂע! ער לייזט טאַקע גוט, וואָרום ער סטאַרעט-זיך לייזען: און ביי אונז טאָר מען דאָך מיט געוואַלד קיין קונים ניט שלעפען: ביי אונז זענען דאָך איצטער גאָלע נייע, אָבראַזאָוועטע פּאָריאַדקעס, זינט די שנור מישט זיך אַריין ניט אין איהרע געשעפטען, און ברוך. מיר אויף צו לְהַכְעִיס, שלעפט טאַקע ביי אונז די קונים משוגע'נער-ווייס, – פאַר וואָס-זשע זאל ער ניט לייזען? (פּאַוזע.)

**דרייקאָפ:** נו וואס זאל איך אַייך זאָגען, מאַדאַם בראַווינסקע, אַז מיר לעבען איצטער פּאָרט אין אַזאַ ביטערער צייט, וואס יעדער זאַך הויבט אָן געהען קאַפּויר? אַמאָהל, אין אונזערע צייטען, איז דאס גאָר אינגאַנצען געווען אַנדערש: אַבעטאָגטער מענץ – וואס ער האָט נאר געזאָגט, איז דאס געווען הייליג, קיינער האָט ניט געסמעיעט אַוואָרט זאָגען אַנטקעגען; און היינט... (זיפצט.) וואס זאָלען מיר טהון, אַז די היינטיגע, די נייע, די אופגעקו-מענע, נעמען אָן פאַר יוסר דאס, וואס ביי אונז האָט עס

געהייסען נאַרעסקייטען, און מע האַלט פאַר אומרעכט דאָס, וואס אויף אונזער פשוט׳ן לשון הייסט עס: „האַנדעלסאַפּט איז ניט קיין ברודערסאַפּט״? ס׳איז סון אַזוינע יאָהרען-זינדיגע, און מיר מיט אייך קאָנען דערינען גאר-ניסט ניט העלפען, — קאַק צעסטניי צעלאָוועק! און מיט אייער סנור, זאָל לעבען, איז אויך דאס אייגענע... זי איז אַהיינטיגע, האט זי זיך אידעיעס... צי וועגען דעם שדוך, וואָאבסצע: איך האַלט געוויס אַייער מיינונג אַסך טייערער, ווי לעאָנטי אַראָנאָוויצעס; סטראָף מיך גאָטט, אויב איך הויב גאר אָן אַפילו צו פערסטהען, וואס הייסט חתונה האבען אָהן נדן...

**בראַווינשטשעכע:** אַהאַ? וואב איך געזאגט? האט מען דאך אָבער מיך דעמעלט דולל און משוגע געמאַכט! פאַר וואס האט איר „דעמעלט״ אַזוי נישט גערעדט?

**דרייקאָפּ:** זאָלט איר מיר געזונט זיין, מאַדאַם בראַווינסקע! אָט דאס זאג איך דאך אַייך, אַז איך אליין פערסטעה אויך ניט, וואס דאס איז פאַר אַמין משוגעת געוואָרען אויף דער וועלט, וואס אַזונע פיינע יונגע לייט פערגלוסט זיך גאר אין-מיטען-דערינען חתונה האבען אָהן אַקאָפּקע געלד, ווי אַסוסטער, — זאל מיך גאָטט ניט סטראָפען פאַר די רעד...

**בראַווינשטשעכע:** ניין, פערגעסט ניט, אַז אַשוסטער איז שוין היינטיגע צייטען גאָר קיין בהמה ניט: אָהן קיין נדן וועט שוין קיין שוסטער גראד ניט חתונה האבען!

**דרייקאָפּ:** נו, פאָלאָזשים. וואס איז סון פאַר אַ נדן ביי אַסוסטעריונג? אַז אַפּופציגער — איז דאך עס ביי איהם אויך אַגאַנצער מטמון. האט דאס דען עפּעס אַבעטערעף? חע-חע-חע...

**בראַווינשטשעכע:** ווי פאַר וועמען! פאַר אַשוסטעריונג איז אַפּופציגער אויך אַגאַנצער מטמון: זיין לעבען איז אַנדעריש, ער האט גאר אַנדערע בעגריעפען, ער דאַרף מעהן ניט, — און מיר דאַרפען מעהן...

**דרייקאָפּ:** אָט דאס טענה איך דאך אויך; נאר גֵעהט, מאַכט עפּעס, אַז היינטיגע צייטען זענען אַזוינע, ווי רייכמאַנס און געלטמאַנס טאָכטער — פערעקופּקעס, אַנדערס רופט מען זיי גאר ניט; און אַזוינע, ווי אַייער לעאנטי אַראָנאָוויץ, זוכען איצטער נאר אַזעלכע פאַרטיעס, ווי אַייער בראָניסלאַווע דאַווידאָוונע: אַזוינע כלות זענען היינט אין דער מאָדע. און איך בין ניסט מעהן ווי אַשדכן, — מוז איך תמיד פאָרלעגען אַזאַ סחורה, ווי די צייט פאָדערט. בערעכענט דאָס, זייט מוחל, אַקקוראַט, וועט איר מיר מודה זיין, אַז איך האָב מיין זאַך אָפּגעטהון גאַנץ עהרליך, קאַק צעסטניי צעלאָוועק...

**בראווינשטשעכע:** עהרליך... מיין אַלטער פערוויסט און פערביטערט, און מעהן גאר-ניט. אַז מיר זענען אַליין פראָסטע מענטשען, דאַרפען מיר פאַרטיעס אויך נישט קיין געפענטעטע...

**דרייקאפ:** נו, האט איר געזאלט נאָטהען אַייער זוהן מיט געוואַלד, ער זאל חתונה האָבען אויף אַזאַ אופן, ווי אייער האַלי...

**בראווינשטשעכע:** איר מיינט, מיר טהוט דאס האַרץ ניט וויעה, זעהענדיג, ווי שוואַכמאַנן איז איהר נאך איצטער אויך נישט צום הארצען? נאר, ניש׳קשה, לאז נאך אַביסעל געדויערען: זי וועט פאָרט זיין גליקליך; זי וועט דערנאָך אַליין זעהען, אַז די מאַמע איז איהר קיין שונאַ ניט נעוועו. אָט מיין זוהנעניו — ער וועט זיך שוין אַליין מעגען דאַנקען, אז זיין אַבראַזאָוועטע וועט איהם אַמאָהל אָנמאַכען אַחתונה מיט איהרע עֲדָעלֶע גאַנג!

**דרייקאפ:** חע-חע-חע... ווי איר קאָנט זיך גאר ניסט בערוהיגען... און איר סטעלט זיך גאר אי ניט פאָר אַז פיינערסע פון איהר זייט האָט אויך קיין גרויסען חשק ניט געהאַט צו דעם שדוך... „איך זאל חאָץ עפעס האָבען", זאגט זי: „מיינס אַיין אייגענס, וואָלט איך דאך אי קלערען ניסט געוואלט דערפון"...

**בראווישטשעכע:** אַך, ס׳אַדאַרמאָיעדקע אַפאַרשיווע! איהר שטעהט נאך ניט אָן? איהר יחוס! איז דאס ביי איהר אזוי גרויס אין אויגען? מלמד׳קע סוויניאַטשע! דאס הארץ זאגט מיר אָבער תמיד, אז דאָס קוצעניו-מוצעניו, וואס זיי מאכען צווישען זיך, איז בלאָטע, אז נאר אונזער רייכקייט איז זיי געפעלען, און אויף איהם אליין שפייט זי זיך אויס...

**דרייקאפ:** נו, פאָלאָזים, דאס זאַלצט איר סוין אביסעל איבער: בראניסלאווע דאווידאָוונע האט שוין גראָך ליעב לעאָנטי אַראָנאָוויצען.

**בראווינשטשעכע:** (שאקעלט מיטין קאפ.) אוי-אוי-אוי-אוי! אי ווי אזוי ליעגט זיך דאס גאר ביי אייך אויפ׳ן זינן, אז זי קאָן איהם גאר ליעב האבען? וואס איז ער קעגען איהר? אַטשאַבאַן!

**דרייקאפ:** נו, פאָלאָזים, אַזוינע זאַכען סמעיעט איר ניט קלערען וועגען אַייער סנור: זי איז ניט אַבי-ווער...

**בראווישטשעכע:** יאָ, יאָ! אָן מעניקע האט מיר אָנגעדערצעהלט, אַז דער שוועסטערקינד איהרער, יאַשע, האט מיט איהר געפיהרט אַליעבע...

**דרייקאפ:** גלויבט עס ניט, ס׳איז ליגען!

**בראווינשטשעכע:** וואס איז זי, אַהייליגע, וואס מע טאר אויף איהר גאר-נישט ניט גלויבען?

**דרייקאפ:** חא-חא-חא... נו, בעקלערט נאר אַליין, וואס איר רעדט: בראניסלאווע דאַווידאָוונע וועט ליעב האבען איונגעלע-אַגימנאזיסטעלע? חא-חא-חא...

**בראווינשטשעכע:** אַ, מיט אייך צו רעדען! (זיפצט) נאר חאפּט זי דער וואַ-טעל-מאכער! ס'הייסט, פּאָלאָזשים, מעהן וואלט איהר נישט געפּעהלט, איך זאל נאר וויסען, אז דאס איז געווים אזוי; ס'איז נאך דאנקען גאטט, וואס איך קאָן נאך קלערען, טאָמער איז דאס אַליגען...

**דרייקאָפּ:** וואס דען, איין אֶמת? חא-חא-חא...

**בראווינשטשעכע:** איך ווייס? ס'קאָן זיין – אליגען... נאר די קלייט קריכט מיר פון קאָפּ ניט ארויס. איך ווער שיעור צעפּלאַצט, אויף מיינע נאֶמנות: פון טאָג צו טאָג וואַקסט דאך ברוך'ס קלייטעל! וואס וועט זיין, אז ס'וועט געהען אזוי אי ווייטער?

**דרייקאָפּ:** ס'וועט זיין, אז גאָטט וועט דאס אנדערע יאָהר פערבעסערען, וועט פאר אייך אלעמען סטאַיען לייזונג. נאר... ס'הייסט, אז מע זאל וועלען אביסעל פערדרעהען דעם יושר... ס'איז אפילו זעהער ניט יפיין... (בראווינשטשעכע ווארט מיט אונגעדולד, וואס ער וועט זאגען.) איר גערענקט ניט אַקקוראַט, אין וואָסער יאָהר איז ער אהער אָנגעקומען?

**בראווינשטשעכע:** (פערוואונדערט.) פאר דריי יאָהרען.

**דרייקאָפּ:** ווי באַלד אז פאר דריי יאָהרען, האט ער דאָ קיין פּראַווע ניט צו וואוינען...

**בראווישטשעכע:** (טהוט אפּאטש מיט די האנט.) אַך, ס'אקאָפּ! אוי, ס'אַקאָפּ! ווי אזוי האב איך עס ארויסגעווארפען פון זינן, אז נאך דעם „אכציג צווייטען יאָהר" טארען אַהער קיין נייע יודען נישט אָנקומען?

**דרייקאָפּ:** עס פּאַסט אָבער ניט, אַיוד אַיודען זאל מסר'ן...

**בראווינשטשעכע:** (מאכט זיך נישט הערענדיג.) קומט, הער דרייקאָפּ, אין שטוב אריין, מיר וועלען עפּעס פערבייסען. – אַחתן פאר מיין ליובאָטש-קען האב איך אליין זעהר אַוואוילען; נאר אליין רעדען מיט איהר דערפון קאָן איך ניט. רעדט איר מיט איהר איבער, און בעפריעדיגען וועל איך אייך דערפאר געווים נישט ערגער, ווי פאר דער „אָבראַזאָוועטער" שנור... (זיי געהען אין שטוב.)

**דרייקאָפּ:** (געהענדיג אויף די טרעפּ.) מיר קומט נאך טאקע פון אייך אַ „לחיים" פאר אייער אֵייניקעל. צי דאס, וואס איר זענט מיט מזל געווארען אבאַבע, פרעהט אייך אויך ניט?

**בראווינשטשעכע:** (זיפצט.) מיט מזל... (זיי געהען אריין אין שטוב. די סצענע איז אוויילע לעדיג. לינקס קומען-אן: פיינערשע, בריינע און יאשע — אין אסטודענטשעסקען קאסטיום; בריינע זעצט זיך ביי דער בעסיעדקע, פיינערשע און יאשע בלייבען שטעהען נעבען איהר.)

**בריינע:** ניין, דאס איז שוין טאקע צו פיעל. די לעטצטע צייט הויבט עס שוין אָן אויף מיר אזוי צו ווירקען, אז איך קאָן זיך אָפט קיין אָרט נישט געפונען. וואו צו בעהאלטען זיך פון זיך אליין. אי ליאָוועס ליעבשאַפט ווערט מיר צייטענווייס שווערר – בּיים געדאנק, ווי די שווינגער קאָן זיך נאך אלץ נישט בערוהיגען. יעדעס מאָהל, בעת איך פיהר נאר עפּעס אויס, אזוי ווי איך וויל, הויבט מיך אָן צו קריינקען די מחשבה: וואס קלערט דערפון די שווינגער? נאר איך פערשפּאָר זיך גאר פאָרשטעלען, וואס זי קלערט: זי רעדט עס זעהר אָפט ארויס קלאָהר און דייטליך... אָט, בעַת מע האט צערעכענט ברוּךְ, האָט זי מיר סיידען דעמעלט נישט געזאָגט, אז מע האט מיך פאר רַחֲמָנוּת גענעמען? איך האב עס דעמעלט אי ניט שטארק גענעמען צום הארצען: איך האב געקלערט, אז ס'איז אויף דער הייסער מינוט אין כּעס. האט זי זיך ניט געשעמט צו זאגען מיר אזוינס; דערצו האט מיך נאך פערשלאָפּערט ליאָוועס ליעבשאפט, – און איך האב איהר מיט'ן גאנצען הארצען מוחל געווען. נאר שפּעטער...

**פיינערשע:** גאָטט איז מיט דיר, בריינדעלע! וואס–שפּעטער? ווען – שפּעטער? דו דארפסט זיך גאר אפילו נישט צוהערען, וואס זי רעדט דארט אזוינס מיט איהר נארישען צונג. לאז זי זיך באַלבעטען, – וואס אַרט עס דיך?

**בריינע:** (היציג.) וואס ארט עס מיך?! אז זי רופט דיך „דאַרמאָיעדקע"; אז זי צאַהלט מיט כּעס יעדעס שטיקעל ברויט, וואס דו עססט-אויף, – זאל דאס מיך נישט אַרען? אַשטיינערנע בין איך, צי וואס?

**פיינערשע:** קינד מיינס, פאַר מיך לאז דיך נישט אַרען; און דאס לעבען מיינס וואָלט איך סיידען נישט גערען אַוועקגיעבען, אַבּי דיר זאל זיין גוּט דו זאלסט זיין גליקליך? וואס-זשע פאַר אַ בעטרעף קאָן בּיי מיר האָבען אַזאַ קליינינגקייט?

**בריינע:** אַךְ, אָט די קליינינגקייטען, – וואס פאר גרויסע צרות עס קומען פון זיי אַרויס! ס'איז אזא קליינינגקייט, וואס הויבט מיך אָן ביסליכווייז קלאָהר צו מאַכען, וואס איך בּין בּיי זיי אין שטוּב. (פיינערשע וויינט)

**יאשע:** אָט דאס איז זעהר ניט גוּט, וואס דו זאָגסט: „בּיי זיי אין שטוּב". די שטוּב איז דיינע, אַזוי ווי זייערע. דו דאַרפסט זיך מיט אַלע כּחות פלייסען – אַרויסצוואַרפען פון זינן אַזוינע מעלאַנחאָלישע געדאַנקען. (פּאאוזע.)

**בריינע:** נישט ווילענדיג קומען מיר אַמאָהל אַרוף אויפ'ן זינן דיינע ערשטע וואָרטער, יאַשע, בעת דו האָסט דערהערט פונ'ם שדוךְ... וואס איז אין-דער-אֱמת'ן פאַר אַגליק, פאר אַגוטס פון אַזא מין לעבען? (יאשע קעהרט זיך אפּ.)

**פיינערשע:** אַךְ, מיין קינד, אז דו ביזסט אזוי יונג און ווייסט גאר ניט, וואס עס בעדייט דאס לעבען אויף דער זינדיגער וועלט. אַסך נאַרישע קינדער זענען היינט פעראַנען, וואס מיינען, אז אַבי פיין, אַבי נאָכ'ן יושר, איז שוין קיין גליקליכערע זאך נאָר אי נישטאָ אויף דער וועלט; אי דער דלות שרעקט זיי ניט, ווארום זיי פערשטעהען גאר ניט, ס'אַמוראָ'דיגקייט ער איז. שפעטער, אַז זיי זאָטינגען זיך שוין אָן מיט זייערע פוסטע און קינדערשע גליקען, אז זיי קריכען אַריין אַביסעלע טיעפער אין דעם לעבען, און די נויט טהוט אַקוועטש,— אוי, ווי ביטער ס'ווערט זיי דעמעלט אויפ'ן האַרצען! אוי, ווי ס'ווערט זיי, נעבעך, נישט גוט אָט דאס, וואס זיי האָבען פאר גליק און גוטס גערעכענט! (וויינט. ברײנע קעהרט זיך אפ.) ברײנע! צי דו ביזסט ביי מיר אויך אזא נאַריש קינד?

**ב ר י י נ ע:** מאַמע, איך בין דאָךְ ניטגפון די צעבאַלעוועטע, וואס ווייסען פון קיין נויט ניט; איך ווייס דאך גוט, אז נאך אלע צרות, וואס דער דלות ברענגט אונז, נאך אַלע וועהטעקען, וואס ס'פערשאַפט אונז די שרעקליכע נויט, נאך אָט דעם אַלעמען, ווען עס בעשיינט אונז אָבער פאָרט דעם זינן די מחשבה, אז מיר זענען ריין פון אומרעכט, אז מיר האָבען קיין סעקונדע זינדיג נישט דורכגעלעבט,—אָט דעמעלט זענען מיר סיידען נישט איבערגליקליך?

**פיינערשע:** נו, כ'לעבען, ביזסט אַקינד! גליקליך איז מען נאר אין רייכקייט. מע דארף זיך נאר נישט צוקוקען צו די פאַסקודסטוועס פון פערשיעדענע בראַווינשטשעכעס: מע דארף זיך נאר נישט צוהערען, וואס זיי רעדען מיט זייערע נאַרישע צונגען; אָבער גליקליך,— אוי, ווי גליקליך מע איז אין רייכקייט! זאל מיך גאָטט ניט שטראָפען פאַר די רֵעד: ערגער און מיאוס'ר פאַר'ן דלות איז גאר קיין זאך אויף דער וועלט נישטאָ... (פּאוזע.)

**י א ש ע:** אי וואס איז דאס מיט דיר פליצלינג געוואָרען? פאר דיר פאַסט דאס גאר ניט, בראָני. איך האב גערעכענט, אז דיין חאַראַקטער איז אַסך שטאַרקער...

**ב ר י י נ ע:** ער איז ביי מיר גענוג שטארק געוועןן, ביז ליאָווע איז מיט מיר געווען בעסער און נאָהענטער. די לעטצטע צייט... נו, איך בעמערק דאך, איך זעה דאך גוט, אז ער איז עפעס גאר אַנדערש געוואָרען... איך פלייסס-זיך מיט אַלע כחות, איך זאל דערפון נישט קלערען; איך וויל זיך אַליין אַיינרעדען, אז ס'ווייזט זיך מיר נאר אוים,— נאר עס קלערט זיך אָבער נישט ווילענדיג... און בילדער, אֵיינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער, מאָהלען זיך מיר פאַר די אויגען אַזוי פיעל... און דער זזיכר, וואָס

ס'עסט מיך, וואס ס'לאָזט מיך נישט רוהען, איז דער גערדאַנק, אז די שוויגער הויבט אָן אויף איהם צו ווירקען...

**יאשע:** דאס איז נארישקייטען! זי קאָן אויף איהם קיינמאָהל נישט ווירקען, אויב ער האָט דיך ליעב. צי דו צווייפעלסט אֶפשר אין זיין ליעבשאַפט צו דיר?

**בריינע:** אָ, ניין, ניין! ער האָט מיך ליעב... איך זעה עס קלאָהר... נאר דאך קריכט מיר פון קאָפּ ניט ארויס די מחשבה, אז דער שוויגערס כח איז שטאַרקער פון מיינעם, אז זי וועט מיך, ענדליך, בייקומען און וועט פאָרט פון מיר אָפּרייסען מיין ליאָווען... (וויינט.)

**פיינערשע:** וועה איז מיר, וואס פאַר נאַרעשקייטען עס קריכען איהר אין קאָפּ אַריין!

**יאשע:** בראָני! וואס טהוט זיך עס מיט דיר? וואו איז דיין ענערגיע אַהינגעקומען? ווי קומט צו דיר אַזאַ פערצווייפלונג? איך דערקאָן דיך ניט, בראָני!... ס'אהויבקייט דו ביזסט געוועזען אין יענער מינוט, ווען דו האָסט זיך בעשלאָסען אָהן מורא אַריינצוטראָטען אין אָט דער „פינסטערניש" און בעליכטען עס מיט דיין ליעבשאַפט. וואס-זשע איז דאס מיט דיר איצטער געווארען?

**פיינערשע:** אַזוי, אַזוי, יאשע, זיי זי מכבד: לאז זי זיך ניט נאַריש מאַכען!

**יאשע:** בראָני, פערגעס ניט, אַז ווען עס זאל שוין טאַקע זיין אזוי שלעכט, ווי עס מאָהלען דיר איצטער דיינע פוסטע פאַנטאַזיעס, דארפסטו דאך אויך: נישט אַראָפּפאַלען ביי-זיך: צי נאר איין ליאָווע איז דיר איצטער געבליבען, וואס ער אַליין איז דער אֵיינציגער, וועמען עס געהער דיין לעבען? די ביזסט אַמוטער!

**בריינע:** אַך, דאס קינד! (שטעהט אוף און נעמט ארום יאשען.) נו פאָהר געזונט, יאַשעניו! (קוסשט איהם. אין דער צייט געהען ארויס פון שטוב און בלייבען שטעהען אויף דער טעררראסע: בראווינשטשעכע און האלי)

**יאשע:** זיי געזונט, בראָניטשקע! (בריינע וויינט.) נו וויין-זשע ניט, וויין ניט, בראָניטשקע, מאך מיר ניט שווערער די לעטצטע מינוט, וואס איך זעה דיך: מיר וועלען זיך דאך שוין ניט זעהען ווער ווייסט ווי פיעל צייט... גענוג גענוג... זיי געזונט! (קוסשט זי אין קאפ.) זייט געזונט, מומעניו! (קוסשט זיך מיט פיינערשען.) בראָני, אַזוי וויינען טאָר מען ניט! (קוסשט זיך נאך אמאהל מיט בריינען, און זיי געהען אין דרייען אוועק לינקס.)

**פיינערשע:** (געהענדיג:) פאָהר געזונט, פאָהר געזונט...

**בראווינשטשעכע:** (אראפגעהענדיג מיט האלין פון דער טערראסע.) ווי געפעלט דיר אזא קאָמעדיע?! טפּפו אויף זייערע קאָפּ, אויף זייער לייב און לעבען! ווי זי בעוויינט עס איהם, אַ? אָט ווער ס'איז איהר צום האַרצען!

**האלי:** וואָס רעדסטו, מאַמעניו?! (זיי געהען אוועק רעכטס אין סאד. די סצענע איז אוויילע לעדיג. פיינערשע קומט אן פריער און געהט אריין אין שטוב דורך דער טערראסע; נאך איהר קומען אן: בראווינסקע און בריינע. בראווינסקע איז אומעטיג, בריינע קוקט אויף איהם אומרוהיג, נאר פלייסט זיך זיין פרעהליכער.)

**בריינע:** וואס הערט זיך ליאָווע, ווי אַזוי האט מען היינט געלייזט?

**בראווינסקע:** וויים איך, אי פרעג גאר ניט פונ'ם לייזונג! מיר האָבען שוין גאר פערגעסען, וואס פאר אַפּנים עס האָט אַרעכטער לייזונג. אַי, אַ יאָהר! (זיפצט.)

**בריינע:** נו, וואס-זשע זאל מען טהון? וואס קען מען בעסער מאַכען? מע מוז שוין געדולדיג איבערוואַרטען די שלעכטע צייט. נו, און אין פאָדוואַל?

**בראווינסקע:** אין פאָדוואַל איז אויך דאס אַייגענע; אז דער גוי האט קיין ברויט ניט, טרינקט ער ניט קיין בראָנפען. נאר דער פאָדוואַל איז סיי-ווי ניט אויף לאַנגע יאָהר; ס'איז אַ סברא, אַז אין אפאָר יאָהר ארום וועט קאַזנאַ צונעמען דעם בראָנפען-געשעפט פאר-זיך. אָט דעמעלט וועט שוין זיין גאר ניט פרעהליך...

**בריינע:** טאָמער וואָלסטו זיך שוין גענעמען זארגען? אָן זעה, ס'אפּנים דו האסט בעקומען.

**בראווינסקע:** ביזסט אַודאַי גערעכט: זארגען פאר-פריה איז געווים נישט כדאַי נאר ס'ווערט עפּעס ניט ווילענדיג קאַלאַמוטנע אויפ'ן הארצען, בעקלערענדיג, צו וואס מע קען זיך דערלעבען...

**בריינע:** וויים איך, ליאָוועניו, דו רעדסט עפּעס קינדעריש! וואס איז, אָהן דעם בראָנפען וועט שוין פאַר דיר מעהן קיין געשעפטען ניט זיין? צי דו קלערסט, אַז אלע יאָהר, וועט זיין אזא אומגע-ראָטעניש, ווי היינטיגס יאָהר? פע, דאס פּאַסט שוין גאר ניט פאַר, קיין סוחר. אי וואס איז דא פעראַנן וואס צו זאָרגען? לאז נאר גאָטט גיעבען אַבעסער יאָהר, וועסטו גאר פערשפּאָרען קלערען לאַנג: די געשעפטען וועלען זיך פאַר דיר אַליין ווייזען. (פּאאוזע) ע, ליאָוועניו, דו פאָלגסט מיך ניט, דו זאָרגסט זיך נאך אַליץ? וועל איך דאך אויף דיר גאר ברוגז ווערען, ווי באַלד אז אזוי; (פּאאוזע.) ליאָווע! (ער שווייגט.) גאָטט איז מיט דיר, מיין טייערער! צי איבער אזא קלייניגקייט דאַרף מען זיך טאַקע אזוי עסען? (פּאאוזע.) ליאָווע! איך וועל, ענדליך, אָנהויבען קלערען, אַז איך בין עם די אורזאַכע פון דיין זאָרג... ליאָווע!

**בראווינסקע:** ביזסט אַביסעל גערעכט, בראָני, איך גֵעה-אום, ווי אַמשוגע'נער. פון אָט די נאַרישע סצענעס, וואס פיהרען זיך אַזוי אָפט צווישען דיר מיט דער מאַמען...

**בּריינע:** גאָטטעניו! וואס-זשע בּין איך שולדיג, אַז די שוויגער האַלט אין אַיין בּייזערן זיך, אין אַיין שרייען? קאַרג לייד איך ד'ערפון? וועניג טהרערען און האַרצוועהטעק קאָסט עס מיך? מיר פעהלט נאָך, אַז „דו" זאָלסט מיך דערינען שולדיג מאַכען? ליאָוועניו. דו בּיזסט אומגערעכט...

**בּראווינסקע:** פערשטעהט זיך, דו בּיזסט אַלע מאָהל גערעכט...

**בּריינע:** (צעמישט) וואס איז דאס בּיי דיר היינט פאַר אַטאָן? ליאָווע... דו האָסט מיט מיר קיינמאָהל אַזוי נישט גערעדט... פון דיר האָבּ איך געמעגט ערוואַרטען ווייכערע און ליעבּליכערע רעד...

**בּראווינסקע:** נו, יאָ! ווי דען אַנדערש? אַזוי האט ראך אָפּגע'פסק'נט דיין יאַשע...

**בּריינע:** ליאָווע! צי הערסטו, וואס דו רעדסט? (הויבּט אן וויינען.)

**בּראווינסקע:** נו, וואס האָסטו זיך צעוויינט אין-מיטען-דערינען? וואס איז פאַר אַ וויינען? דאס איז גאר אינגאַנצען איבּעריג. וואלסט זיך בּע-סער ווייניגער קריעגען מיט דער מאַמען, וואָלסטו פערשפּאָרען אַזוי פיעל ווויינען אומזיסט. דו קאַפּריזעסט זיך תמיד, סטאַרעסט זיך אונמיסטען זאָגען „ניין" דערויף, וואס די מאַמע זאגט „יאָ"— און דו האסט נאך פעראיבּעל. (בּריינע זעצט זיך ביי דער בּעסיעדקע און וויינט. בּראווינסקע פּלייסט-זיך די גאנצע צייט רעדען מיט שטארקייט; נאר ער קאן עס ניט און רעדט שטיל, נאר ברוגז.) דאַרפסט דאך אַליין פערשטעהען, אז ס'איז מיר נישט גרינג און זעהר נישט אַנגענעהם קריגען זיך אלע טאָג מיט דער מאַמען פאר דיר,— און דו וואָלסט געוואָלט, אין שטוב זאל שטענדיג זיין אַ בּוריע, מיר זאָלען כּסדר זיין צעדירקעט מיט דער מאַמען דערפאר, וואס זי איז ניט אזא אידעאַליסטקע, ווי דו מיט ליובּען און מיט יאַשען. (פּאאוזע.) דו ווייסט דאך גאַנץ גוט, אז דו בּיזסט מיר אליין אויך נעפעלען געווארען פאר דיין וואוילער נאַטור, און דו ווייסט וואויל, אַז איך וועל דיך דערפאר שטענ-דיג ליעבּ האָבּען; נאר פון-דעסט-וועגען האבּ איך זיך אויף דיר נישט גערעכט, אז דו זאָלסט אזוי ליעבּ האָבּען קריגען זיך, שפּאַרען זיך און אויספיהרען אַלץ, יענעם אויף צו להכעיס. דאס איז גאר קיינמאָהל, דאכט-זיך, אי נישט געווען אין דיין נאטור; דאס האט דיך דערצו אָנגעלעהרנט דיין יאַשע... מיר איז שוין פון לאנג-אָן נישט געפעלען זיינע נאָטאַציעס מיט זיין מאָראַלי...

**בּריינע:** איך הויבּ נישט אָן צופערשטעהן, וואס דאס איז מיט דיר אזוינס געוואָרען. דו זעהסט דאך אליין, אז איך סטאַרע זיך שטענדיג ווי מיגליך טהון צו ליעבּ דער שוויגער און אַנטלויף ווי מיגליך ווייטער פון קריגען זיך. וואס-זשע פאר בּוריעס וויל איך דא

מאכען אין שטוב? און צו וואס האָסטו דאָ צוגעפּקאָנטעט יאַשען וועלכען דו האסט, דאכט-זיך, שטענדיג אזוי ליעב געהאט? מיט וואס האט ער זיך דאָ אזוי פערזינדעגט קעגען דיר? — ליאָווע. . דו ביזסט היינט עפּעס גאר אנדערש, ניט אזוי ווי תמיד... מיך שרעקען דיינע נייע וואָרטער... ווי קומט עס צו דיר? (געהט-צו צו איהם און נעמט איהם ארום.) ליאָוועניו... איך האב פון דיר נאר הילף ערוואַרט, דו זאלסט מיך שטארקען מיט דיין ליעבשאפט אין דער צייט, וואס דו זעהסט דאך אליין, ווי פיעל צער די שוויגער פערשאפט מיר אלע ווײלע... ערשט וואס לאזט זיך אוים? אז דו, דו ביזסט אויך קעגען מיר... (וויינט)

**בראווינסכע:** נו, קוק זי אָן, איך בעט דיך, ווי זי האט זיך עס צעוויינט. נו, וואס פאר אַפּנים האט עס? בראָני! (ווישט איהר די טהרערען.) נו, גענוג, איך האב דאך דיך ליעב, בראָני, וואס-זשע וויינסטו?

**בריינע:** איך ווייַן ניט... איך ווייַן שוין ניט... נאר זארג ניט, ליאָוועניו: עס נעמט מיר צו אַשטיק געזונט. (קוסשט איחם.) איך האב דאך דיך אזוי ליעב, ליאָוועניו... (טולעט איהם צו זיך) איך בין אין דיר, ווי איונג מיידעלע, פערליעבט... דו האסט מיך אויך אמאָהל אזוי ליעב געהאט; דו פלעגסט אליין פון זיך לאכען, ווי דו ביזסט פערליעבט אין מיר. און איצטער... נו, איצט ביזסטו שוין אַטאַטע, פאַסטען שוין פאַר דיר ניט אַזוינע יונגעלשע גאַנג, דאַרפסט שוין זיין סאָלידנע. און איך... איך בין נאך אַלץ אַזוי ווי אַווינטיג מיידעלע, חאָטש איך בין שוין אַמאַמע... ווי אַדוללע בין איך פערליעבט אין דיר, מיין טייערער, מיין ליעבער! נו, וואס-זשע שוויגסטו? איך רעד און רעד, און דו שווייגסט... וואָלסט חאָטש אַוואָרט אויסרעדען...

**בראווינסקע:** וואס זאל איך רעדען, בראָני? וואס האב איך דיר צו זאגען? איך האב דיך ליעב...

**בריינע:** נו, וואס-זשע דאַרף איך נאך? דאס איז דאָך אינגאַנצען מיין גליק, מיין לעבען... (קוסשט איהם.) וואס פאַר שאֵנע בלויע אויגען ביי דיר זענען! ביי אונזער מיידעלע זענען אויך אזוינע אויגען, ווי ביי דיר; אי דער נאָז, אי דאס מיילעכעל — אַזאַ ווי ביי דיר, — ס'איז אינגאנצען אויף דיר פּאָחאָזשע... (קוסשט איהם איןדי ליפען.) ליאָוועניו! דו האָסט מיר אַפילו אויף מיין קוסש ניט געענטפערט... דו ביזסט ווידער צעטראָגען... וואס איז דאס מיט דיר היינט אַזוינס?...

**בראווינסקע:** גאר-ניט, בראָני... דאס ביזסט „דו" היינט אַביסעל צעררודערט. (טהוט זי אקוסש.) בערוהיג זיך! (לינקס קומען אן: מעניקע און ליובע; רעכטס, פון סאד געהען אריין בראווינשטשעכע און האלי.)

**בראָווינשטשעכע:** אָ! מײנע קלײט-מענטשען זענען שוין געקומען? אַזוי האָט איר הײנט אָנגעלײזט?

**מעניקע:** נײן, בעל-הבית'טע, ס'האָבען שוין געפֿעהלט די יאָהרען פֿון אַזוי לײזונגען. ס'איז גלאַט נישט כּדאַי אָנצוטהון אײך יסורים, נאָר, דעם אמת זאָגענדיג, מעג מען די קלײט נאָר אײ ניט אָפֿענען: אײדער אַזאַ לײזונג...

**בראָווינשטשעכע:** איז גלײכער זיצען אין דערהײם?

**ליובע:** איך װײס ניט, מענדיל, װאָס פֿאַר אַפֿערגעניגען איר האָט פֿון דעם, װאָס איר צעלעגט אַלע טאָג אויף טעלערליך: די זאָרג, װאָס מע לײזט ניט.

**בראָווינשטשעכע:** װאָס דען? טאַנצען דאַרף מען פֿאַר שׂמחה, צי װאָס?

**ליובע:** אַז ס'איז גאָר אײנגאַנצען ניט אַזוי די מעשׂה, װי איר דערצעהלט עס. מע לײזט געװײס ניט אַזוי װי אין אַגוט יאָהר, נאָר מע לײזט דאָך פֿאָרט; און ניט זיצען אין קלײט האָט קײן שום זינן נישט: קײן געשעפֿט טאָר מען ניט פֿערלאָזען.

**בראָווינשטשעכע:** (מיט איראָניע.) „דײנע" פּראַקטיקעס...

**מעניקע:** איך זעה קײן גליקען נישט אַרויס דערפֿון. װאָס מע װעט יאָ זיצען אין קלײט; ס'איז נאָר איבעריגע הוצאות.

**ליובע:** מענדיל, איר זענט אַשלעכטער: איך פֿערשטעה אײך גוט...

**מעניקע:** אָט דאָס, ליובאָװי אַראָנאָװנאַ, פֿערשטעה איך שוין גאָר ניט, פֿאַר װאָס איר אָביזשאַיעט מיך. איר פֿערגעסט אַפּנים, אַז מיר װעט דערפֿון גאָר ניט בעסער װערען, װאָס מע װעט אין קלײט ניט זיצען: איך פֿערשטעה זעהר גוט אַז איך װעל דע-מעלט בלײבען אָהן אַשטעלל; און ערנידריגעז זיך, אַזוי װי ברוך, אויסקליאַנטשען אַפּופּציגער אומזיסט און אומנישט, ניט קײן פֿערדיענטען — דאָס איז ניט אין מײן כאַראַקטער...

**בראָווינשטשעכע:** װאָס איז? פֿאַר װאָס זאָלסטו אויך נישט נעמען קײן פּופּ-ציגער? מיר טהײלען דאָך אַלעמען צדקה... זײ-זשע קײן נאַר ניט, נעם אַז מע גיט, און מאַך זיך אויך אַקלײטעל. אַזוי װי ברוך, װעסטו זײן אַמענטש, און ניט קײן עביגער פּריקאַזטשיק..

**בראָווינסקע:** (מיט פֿערדראָס.) מאַמע...

**בראָווינשטשעכע:** איך װיל מיט דיר נישט רעדען. (צו מעניקען.) און ברוך לײזט?

**מעניקע:** צעזעצטערהײד, בעל-הבית'טע! אַלע אונזערע קונים האָט ער שוין איבערגענעמען.

**בראָווינסקע:** פּאָשאָל װאָן מערזאַװעץ! (לויפֿט צו מעניקען מיט קולאַקעס, ברײנע האַלט איהם אויף) דו מײנסט, איך פֿערשטעה ניט דײנע הינטישע גאַנג? חזיר!

**ב ר י נ ע:** גאטט איז מיט דיר, ליאָוועניו! מע מעג עס סיידען אַזוי אין כּעס זיין?

**בּראווינשטשעכע:** אַז אמענטש זאגט אַיין אֱמת ווארט, קומט איהם שלאגען דערפאַר? בּוּיאַן! אַמענטש האט בּיי אונז אָפּגעדיענט זעקס יאָהר און איז אונז געטריי און איבּערגעגיעבּען, ווי אַיין אֵייגען קינד; אַמענטש האָט פאר זעקס יאָהר-צייט קיין קאָפּקע אונזערע נישט אָנגעריהרט, האט אָפּגעהיט אונזערס. אַזוי ווי זיין אֵייגענס, אַזוי ווי זיין אויג אין קאָפּ,— קומט איהם שלאָגען דערפאַר? און בּרוּך'ן קומט אומזיסט אַפּיפּציגער, ער זאל מיט איהם אונז ווערען אַקאָנקורענט? ער זאל בּיי אונז יעדער קאָפּקע לייזונג אויסרייסען און דערמיט אונז אָפּדאַנקען פאַר אונזער „זאַלץ און בּרוי'ט"? זיין קלייטעל זאל וואס אַטאָג אַלץ גרעסער און גרעסער ווערען, בּעת עד טאָר דאָ אפילו קיין טאָג נישט זיין בּיי אונז אין דאָרף? וואס פאר אפראַווע האָט ער דאָ צו טאָרגעווען? דו ווייסט עס חאָטש זוהנעניו?

**בּראווינסקע:** לאָז ער זיך טאָרגעווען געזונטערהייד, אז דער אוריאַדניק טשעפּעט איהם ניט.

**בּראווינשטשעכע:** חָכם מיינער! דער אוריאַדניק ווייסט פון זיין געזונט ניט. געה צו איהם אַריבּער און וויז איהם אָן אויף בּרוּך'ן, לאָז ער איהם פון דאַנען ארויסשיקען,— וועט אונז אֶפשר דעמעלט ווערען אַ ליכט אין די אויגען...

**מ ע נ י ק ע:** אָ, דעמעלט וועט גאר זיין איין אַנדער לעזונג...

**ב ר י נ ע:** (אין שרעק.) געהען מַסר'ן... (בּעגט זיך אן צו בּראווינסקען.)

**בּראווינשטשעכע:** מע טהוט אסך פיינערע זאכען, אז מע וויל אקאָפּקע אין קעשעֶני פערהאַלטען...

**ר י ו ב ע:** מאמעניו, וואס רעדסטו דאס? ווילסט זיך בּענוּטצען מיט אונזער פאָלק'ס-אומגליק, אז דיין לייזונג זאל ווערען גרעסער? מע מעג עס סיידען אזוי?

**בּראווינשטשעכע:** ווען בּיזסטו דאס געוואָרען אַזא מגיד'קע? וואו האסטו זיך אזוי אויסגעלעהרנט דרשנען? און מיט אַמאַמען רעדט מען דאס טאקע אזוי? עזות-פּנים! (צו בּראווינסקען) געה צום אוריאדניק!

**ב ר י נ ע:** ליאָווע! דו וועסט געהען? (בּראווינסקע קעהרט זיך אפּ פון דער מוטער וועלכע קוקט מיט בּייזקייט אויף איהם און אוף בריינען. פּאַוזע.) ער וועט ניט געהען... (בּראווינסקע דריקט איהר די האנט.) ער איז מיינער... מיינער... (נעמט איהם ארום; ער טהוט זי אקוּסש)

**בּראווינשטשעכע:** זעה נאר, זעה נאר. בּעלעק זי ניט איינגאנצען, לאז אביסעל א בּער אי פאר עמיצען אנדערש! — בּאָלוואַן געזונטער! דו מיינסט, אז זי איז דיר אזוי געטריי, אזוי ווי דו — איהר? אז זי חלש'ט אויך נאך דיר, אזוי ווי דו — נאך איהר! זי געפונט זיך

אביסעל פיינערע לייט פון דיר, אָבראַזאָװעטע, אזוינע ווי זי אליין איז! (אלע בלייבען דערשראָקען.) וואס קוקסטו אויף מיר מיט אויסגעלופּעטע אויגען, אַ? וואס האסטו זי אָפּגעלאָזט? נעם קוש זי ווייטער! וואס דאַרפסטו מיך הערען, וואס איך רעד? איך פּלוידער דאָך! איך בין דאך אשלעכטע, אבייזע, אַשלאַק אוויסטער! איך וויל דאך נאר מאכען אבייז לעבען צווישען אייך, מעהן גאר-ניט! וואס איז, מיך דאַרף עפּעס אויך אַרען, וואס מיין זוהן׳ס ווייב קושט זיך מיט פרעמדע יונגע לייט?

**בראַווינסקע:** מאמע! איך וויל דאס פון דיר נישט הערען! מיין בריינע איז צו עהרליך, צו פיין, מע זאל גאר קאָנען ארופלאזען וועגען איהר אפילו אמחשבה ניט קיין גוטע! מאַמע דו בּיזסט אשלעכטע! דו בעקלער נאר, וואס דו האסט עס געזאגט, און פאר ווי פיעל עדות, פאר מעניקען...

**בראַווינשטשעכע:** וואס-זשע, אליגען האב איך געזאגט, צי וואס? ס׳איז ניט קיין ספּליאָטנים; איך האב דאס אליין מיט מיינע אויגען געזעהען אָן פרעג האַלין, אויב דו גלויבסט מיר ניט; זי האט אויך געזעהען. ווי דיין ווייב האט זיך געקושט מיט׳ן סקובענט, מיט יאשען!

**ליובע:** האלי! (האלו געהט אוועק רעכטס, אין סאד.)

**בריינע:** חא-חא-חא... אָט דאס איז גאר? חא-חא-חא... איך לייקען דאס אויך ניט יאָ, אֶמת, איך האב זיך היינט צעקושט מיט יאשען, מיט מיין שוועסטער-קינד, בּיים געזעגענען-זיך מיט איהם חא-חא-חא.. (נעמט ארום בראַווינסקען, ער טרעט אפ פון איהר) וואס איז דאס? ליאָווע...

**בראַווינשטשעכע:** אַנאָווינע! וואס נאך וועט זי דיר אָנדערצעהלען? „בּיים געזעגענ׳ען-זיך"... ווי-זשע דען? גלויב איהר! און אָהנעם געזע-גענען-זיך ווייס איך גאר ניט, אז בּיי איהר איז מיט איהם נאך גאטט ווייסט פון-ווען-אָן אגאנצער ראָמאַן? ס׳איז אַ סברא, מיין זוהנעניו, אַז מע האָט אונז אַרום-און-אַרום אָפּגענאַרט: זי האָט דיך אי נישט אָנגעהויבען ליעב צו האָבען; זי האָט דיך נאר צו ליעב דיין געלט בעדאַרפט האָבען, און צום האַרצען איז איהר געווען יאַשינקע.

**בריינע:** ליאָווע... וואס איז „דאס" נאך פאַר אַנייעם? (נעמט איהם ארום)

**בראַווינשטשעכע:** וואס היינגסטו איהם איבער די פּלייצעס. ווי אַ קלאָץ? (בראַווינסקע טרעט אפ פון בריינען.) איך האב זיך פאר מעניקען ניט געשעמט צו רעדען דערפון, ווייל ער אַליין האָט זי אַסך מאָהל געזעהען ליובעזניטשענדיג מיט יאַשען. פרעג איהם אַליין אוב דו גלובסט מיר ניט.

**ליובע:** ס׳איז דאך אַספּליאָטני! (מעניקע געהט אוועק לינקס. בריינע זעצט זיך ביי דער בעסיעדקע און וויינט.)

**בראווינשטשעבע:** אַז דו ווילסט, קאָן איך בּאַלד געהען אי דרייקאָפּען אופוועקען, וועט ער דיר אויך דערצעהלען, ווי די מאַמע איהרע, די פּריצה, האט אויך געזאָגט, אז ווען זי זאל נאר האבען חאָטש עפּעס אין קעשעני, וואָלט זי פון דיר, מיין זוהנעניו, אי קלערען נישט גע־וואָלט: אָט אַזוי ליעב ביזסטו בּיי איהר! נאר, פערשטעהסט זיך, אַזאַ וויגאָרנער חתן,— ווי אַזוי־זשע לאזט מען אַיין אַזאַ גליק?

**ל י ו ב ע:** מאַמע! דרייקאָפּ רעדט דאך נאר דאס, וואס איהם פּאַסט...

**בראווינשטשעבע:** בּיי דיר פרעגט מען ניט!

**ל י ו ב ע:** מאַמעניו! וואו איז דיין רחמנות? (וויינט.)

**בראווינשטשעבע:** (וויינענדיג.) רחמנות... רחמנות איז בּיי גאָטט, מיין טאָכטער טייערע! פרעג בּיי איהר, (ווייזענדיג אויף בריינען.) וואו איז איהר רחמנות? מיר גלויבּט מען שוין גאר ניט, איך בין שוין אַווידמע אַיין אַלטע, און ניט קיין געטרייע מוטער פאר מיינע קינדער... מיר טהוט שוין גאר ניט וועה דאס האַרץ פאר מיין קינד, פאר מיין בלוט און פלייש... מיר איז גרינג, מיינט איר, אויסצוהערען פערשיעדענע מעשות וועגען מיין שנור וועגען מיין זוהן׳ס ווייב? איך מיין דאך טאַקע נאר מיין זוהן׳ס רָעה, ניט אַנדערש... קיין גוטס קאָן איך איהם שוין גאר ניט וואונטשען... (חליפּעט.)

**בראווינסקע:** (ווילד:) בריינע! (בריינע טהוט אציטער און פאלט אויף די קניען, נאר תיכף חאפּט זי זיך אוף.)

**ב ר י י נ ע:** ניין, ניין! איך וועל זיך נישט ערנידריגען אויף אזוי פיעל, איך זאל שטעהען קעגען דיר אויף די קניען: איך דארף דאס ניט! לאז זיך בוקען דער, וואס איז זינדיג,— מיין הארץ איז ריין, עס ווערט נאר צעררייסען אויף שטיקער... (זעצט זיך אויף איהר פריערינען ארט און קלאגט.)

**ל י ו ב ע:** מאמעניו... זעה, וואס דו טהוסט..

**בראווינשטשעבע:** אַוועק פון מיר, עזות פנים! (צום זוהן:) גלויב איהר, גלויב איהר, זוהנעניו!

**בראווינסקע:** (חאפּט זיך פאר׳ן קאפּ.) מאַמע...

**בראווינשטשעבע:** (מיט גרויסקייט:) מעגסט זיך מאכען מיט דיין ווייב „קוצעניו־מוצעניו", וואו דו ווילסט, נאר ניט בּיי מיר אין שטוב! איך בּין אַבייזע, אַשלעכטע, אַקאָפּעיעשניצע,— אַלץ וואס דו ווילסט... בּיי אונז איז אשטוב פון פאַסקודנע סוחרים, פון פאסקודנע מענטשען; נאר אונזערע פאַסקודנע האֶרצער זענען ריין, עהרליך.. בּיי אונז אין דער משפּחה האָבען מיר נאך קיינמאָהל נישט געהאַט אַזאַ, וואס זאל האבען פאָליובאָווניקעס! בּיי אונז פיהרט זיך פון תמיד־אָן, אַזוי ווי בּיי עהרליכע יודען דארף זיך פיהרען

און אַזוינע פערשוינען (ווייזט אויף ברײנען.) דאַרפען מיר ניט... איצטער קלײב זיך אויס, ווער איז דיר ליעבער: די מאַמע, צי דאס ווייב?

**בראווינסקע:** (פלייסט זיך צוגעהען צו ברײנען, נאר ער קאן עס בשום אופן ניט אין געהט, ענדליך, אוועק לינקס.) אויס פרייד! אויס גליק! אויס...

**בראווינשטשעכע:** אָט אַזוי-אָ וועט זיין גלייכער... (געהט איהם נאך. רעכטס, קומען אן: שוואכמאנן און האלי.)

**שוואכמאנן:** יאָ, יאָ. האַליטשקע, איך האב דאס גוט פערשטאַנען; איך האב געוואוסט. אז דאס הארץ איז ביי דיר אַגוטס, אז דאס בייזקייט אויף בראָניטשקען האט דיר די מאַמע דיינע די שלעכ-טע אין מוח ארייגעטראָטשעט... זעהר רעכט, וואס דו האָסט מיך אַהער גערופען. מע דארף זעהען מיט אַלע מיגליכקייטען אופהאַלטען ליאָוועןָ, ער זאל צום אוריאַדניק נישט געהען און זאל נישט גלויבען אָט די ספליאָטנים...

**ליובע:** איר זענט שפעט געקומען ... (שוואכמאנן מיט האלין בלייבען דערשראקען)

**שוואכמאנן:** שפעט... ער איז אוועק... מסר'ן ... גאָטטעניו! (שאקעלט מיט'ן קאפ.)

**האלי:** בראָניטשקע ... (צו שוואכמאנען:) זעה, זעה, וואס מיט איהר טוהט זיך... זעה, ווי זי קלאָגט... (לויפט צו צו ברײנען און פאלט נעבען איהר אויף די קניען.) בראָני... בראָניטשקע... (וויינט.)

**שוואכמאנן:** רבוני של עולם! ווי פיעל בייזקייט דארף עס אמענטש האבען, ער זאל אזוי פיעל שלעכטס קאָנען ברענגען... או, שווינער, שווינער! דאס הארץ דיינס איז אַייזען, שטיין! (געהט אוועק לינקס רעדענדיג פאר-זיך) מע דארף אויך געהען צום אוריאַדניק, אֶפשר וועל איך נאך פערהאפען...

**ליובע:** בראָני, גענוג אייך וויינען... דאס געזונט אייערס היטט חאָטש אָפּ... (אויף דער טעראסע בעווייזט זיך פיינערשע.)

**פיינערשע:** ברײנדעלע! אַנו, געה-קאָרשט אָנזויגען דאס קינד... (דערזעהענ-דיג, ווי ברײנע וויינט, לויפט זי אויף גיך אראפ מיט אגעשריי:) וואס איז דאס? ברײנדעלע! וואס איז? (ברײנע פאלט איהר אויף די הענט.)

**ברײנע:** מאַמע... אָרום זענען מיר געווען, נאר קיינער האט אונז מיט קייןווארט נישט געטאָרט בעליידיגען... און איצטער... אוי, מאַמעניו! אוי, ווי, איך בין דאס איצטער ערנידריגט, בעליידיגט... (קלאגט.)

---

# דער פארהאנג פאלט.

# פערטער אקט.

אין צוויי חדשים ארום.

(די זעלבע דעקאָראַציע)

(רעכטס, פון סאר, געהט האלי און זינגט:)

Выйду на гору,
Гляну на море,
Сама я бачу,
Чего я плачу...

(ביי די לעטצטע ווארטער קומט אן לינקס מעניקע.)

**מעניקע:** (שטרעקט אויס צו איהר די האנט.) האלי!

**האלי:** גֶעה אוועק, מעניקע, גֶעה אַוועק! איך בעט דיך, גֶעה אוועק!

**מעניקע:** וואוהין זאל איך געהען, מיין האַלאָטשקע טייערע? נעבען דיר איז מיין גַן־עֵדן, אָהן דיר בין איך אין גֵהִנם... וואוהין טרייבסטו מיך פון זיך? פאר וואס?

**האלי:** געה... (פערשטעלט זיך פון איהם מיט די הענט.) ביזסט אפאסקוד־נער מענטש...

**מעניקע:** דאך ניט פאר דיר...

**האלי:** ביזסט אשלאנג – דו קאֶנסט זיך נאר בייסען, ביזסט אַוואָלף – דו קוקסט נאר אַרוים אויף אַשאָפעלע! אָ, איך קאָן דיך, מעניקע, איך קאָן דיך גוט! דו דארפסט ליובען, ווייל זי האט פינעף טויזענט קאֶ־בליך,– זי אַליין ליעגט דיר קאַרג־וואָס אין זינן: ביזסט אַגוטער שאַלאָפאַי, דו דארפסט ארומטאַנצען אַרום אַצענד־לינג,– אֵיינע איז דיר קאַרג...

**מעניקע:** ווידער דאס אֵייגענע? איך האב דאך דיר שוין ווי פיעל מאָהל געזאָגט, אז דו ביזסט ביי מיר אֵיינע...

**האלי:** אֵיינע... דו מיינסט, מיך פערדריסט, וואס איך בין ניט דיין אֵיינציגע געליעבטע? ניין, איך בין שוין ניט די אַמאָהליגע האַלי, וואס האט נאך דיר גע'חלש'ט מיט אלע איהרע כחות... נאר איך מוטשע זיך נאך איצטער אויך: איך ווייס, אז דו ביזסט אַזוי נידריג־שלעכט; איך ווייס, אז דו ביזסט אַזאַ רוח, אויף וועלכען קיין מענטש טאר גאר נישט קיין קוק־טהון; איך ווייס, אז דיינע לאַפּעס האָבען געהאָלפען פיהרען מיט'ן חלף איבער בראָנים האַלז; איך ווייס, אז דיר איז פראָטיווגע די, צו וועלכער איך בין איצט מיט מיין גאנצען האַרצען צוגעוואַקסען; איך ווייס,

אז איך קאָן ניט און דארף אויף דיר אפילו נישט קוקען, —און דאס הארץ ציהט מיך פאָרט צו דיר. . . (ער שטרעקט אויס צו איהר די האנט.) איך האב דיך פיינט, (ער בלייבט ערשטוינט.) נאר איך חלש פארט זיין נעבען דיר. (ער זעצט זיך נעבען איהר. ליעגען בײ דיר אויפ'ן הארצען (ער נעמט זי ארום.) און בעשיטען דיין פנים מיט פלאַמענדיגע קושען ... (ער קוסשט זי; זי וויינט.) הער-אוף! וואס טהוסטו? מעניקע, פראָטיוונער! (רייסט זיך ארויס פון איהם.)

**מעניקע:** טרייב מיך נישט פון זיך, אז דאס הארץ דיינס איז דאך מיינס אינגאנצען! נאך-וואס רעדסטו אלץ אזוינע סטראַשנע זאכען און האסט דערפון יסורים. אַז מיר קאָנען איצט פערברייגען בעסער די צייט אין וואוילטיג? . . . די מאַמע דיינע האט מיר שוין אליין געזאגט, אז איך בין שוין איהר אֵיידעם, אז זי דארף נאר אביסעל בערוהיגען ליובען, וועלכע קאפריזעט זיך נאך אלץ,— און עס וועט שוין זיין אסוף מיט מזל.

**האלי:** מיט מזל?! און איך זאל דאס דערלאָזען?!

**מעניקע:** וואס-זשע האָסטו זיך אזוי איבערגעשראָקען? פערשטעהט זיך „מיט מזל"! אָ, דעמעלט וועט אונז שוין קיינער ניט צעשיידען ... (נעמט זי ארום און קוסשט זי. דעדינען געהט ארויס פון שטוב בראווינשטשעכע. האלי שפרינגט אפ דערשראקען פון מעניקען, און אלע בלייבען אוויילע ערשטוינט.)

**בראווינשטשעכע:** גאָטטעניו הארצעדיגער! וואס איז דאס?! מעניקע, וואָן! איך זאל מעהן נישט אָנקוקען דיין סוויניאַטשע חאַרי! וואָן! (מעניקע געהט אוועק לינקס.) האַלי! וואס איז דאס מיט דיר געוואָרען? (האלי ברעכט די האנט) צי אזוינע זאכען פאסטען פאר אַיודישער טאָכטער? האלי . . . (וויינט.)

**האלי:** (נעמט זי ארום.) נאָך-וואס-זשע האָסטו מיין יוגענד פערוויסט און פערביטערט? נאך-וואס האָסטו מיר דאס לעבען מיינס פערבונדען מיט אָט דעם קראַנקען, אז איך בין געזונט . . . געזונט . . . אז דאס געזונט רייסט מיך, שטיקט מיך ... נאך-וואס?! (קלאגט.)

**בראווינשטשעכע:** האלי! ביזסט אקינד, אַנאַריש קינד... איך האב דיין גליק געוואָלט: ער איז רייך, ער איז אַזאַ גוטער, אַזאַ וואוילער מענטש,— דו דארפסט מיט איהם גליקליך זיין . . . פאר אַיודישער טאָכטער פאַסטען אַזוינע זאַכען ניט ... אַיודישע טאָכטער זינדיגט ניט ... קיינמאָהל טאר נישט ארופקומען קיין זינדיגע מהשבה איודישער טאָכטער. ווי ביטער איהר לעבען זאל נישט זיין! גלויב מיר, דו וועסט גליקליך לעבען ... טראָג דאס נאר איבער מיט געדולד . . .

**האלי:** מיר איז דאך איצט נאר דאס אי געבליבען... (געהט אוועק
רעכטס, אין סאד.)

**בראווינשטשעכע:** (אליין.) זי קאָן זיך נאך אַלץ נישט צוגעוואָהנען צו איהר
לאַגע... אַי, ס׳אַנאַריש קינד! ווי ס׳הויבט נישט אָן צו פער-
שטעהן, וואס גליק און רייכקייט הייסט אויף דער וועלט...
נאך וואס איז דער וואונדער? זי האט דען אַמאָהל געזעהען
צרות? זי האט דען אַמאָהל געלידטען הונגער, נויט, דחקות
אין איהר לעבען? אָ, זי זאל זיך אזוי אָנמוטשען, ווי מיר
האבען זיך אָנגעמוטשעט, וואָלט זי געוואוסט, ס׳אַוויסטער שלאק
ס׳איז דער דלות, און ווי גליקליך מע דארף זיך שעטצען, אז מע
איז רייך! און איהר דעם נארישען קינד, ליעגט גאר אין זינן:
יונגענד, געזונט, ווייס איך וואס, נעכטיגער טאָג! (זיפצט.) און
דאך רייסט מיר אוים אַשטיק הארץ יעדעס מאָהל, ווען איך
דערזעה איהרע טהרערען: פאָרט אמאמע... (ווישט אוים די
פערוויינטע אויגען.) און ווי ס׳האט גאר פאר קיין זינד נישט מוראָ,
אָט דאס יונגוואַרג, — וועה איז מיר געשעהען! אין אונזערע ציי-
טען איז דאס נים געווען... און איצט? אַי, אַצייט! אַי, יאָהרען!...
אָט דער מעניקע דער פראָטיוונער, — מע דארף זעהען פערטריי-
בען איהם פון דאַנען... (דערזעהט פון ווייטען בריינען.) אָן געהט
נאָך אַצָרָה...: גנבא? וואס פאר געדאנקען ס׳איז ביי דעם
ווייבעל! אַמשוגע׳נער וועט אַזוי קיינמאָהל נישט קלערען... אָפּ-
רופען פון יענעם אַקונה טאָר מען נים; לייזען טייערער פאַר
אַשטיקעל סחורה טאָר מען נים; צערעכענען יאָהריגע פריקאַזט-
שיקעס, אַז מע דאַרף זיי, ווי אַלאָך אין קאָפּ, טאָר מען נים;
ווייזען די וועג יענעם, וואס וואוינט דאָ „נים פּאָ זאַקאָנו" און
איז מיר דערמיט אַקאָנקורענט, טאָר מען נים, — חאָטש ליעג
זיך און שטאַרב! (זיפצט.) וואס וועט עס נאר זיין דערפון ביז
וואַנען נאך וועט זי עס אַזוי מוטשען ליאָווען מיט איהרע נאַ-
רישע קאַפּריזען? אַי, די אָבראַזאָוועטע! איך האָב אָבער געזאָגט
אז ס׳וועט פון איהר קיין גוטס נישט אַרויסקומען, — און אַזוי איז
דאס! (רעכטס, פון סאד, קומט אן בריינע; זי פיהרט דאס קינד אין
אוועגעלע, פיהרט עס-צו צו דער בעסיעדקע און זעצט זיך דערביי אויף
אבענקעלע, אנשפארענדיג די קאפ מיטביידע האנט אופ׳ן האנטיל פונ׳ם
וועגעלע. בראווינשטשעכען בעמערקט זי נים. אפאר מינוט שטעהט ברא-
ווינשטעכע שטיל און קוקט אויף בריינען פערטראכט. דערנאך געהט זי
צו נאהענטער צו איהר און טהוט זי אגלעט פאר די האר, וועגדענדיג זיך
צו איהר שטיל, לאסקאווע:) בריינע...

**בריינע:** (דערשראקען.) אַך!-- וואס איז? וואס דאַרפט איר? ווען וועט איר מיך שוין לאָזען צו רוה? איך קאָן זיך אין ערגעץ קיין רוהיג ווינקעל נישט געפונען, וואו צו בלייבען אַוויילע אליין און בע-קלערען זיך חאָטש, וואו איך האַלט אין דער וועלט...

**בראווינשטשעכע:** דו ביזסט נאך אַלץ מיט דיינע קאַפּריזען? וואַרפסט נאך אַלץ נישט אַרויס פון קאָפּ די נאַרישע געדאַנקען? ביזסט שוין ביי אונז אין שטוב העכער אַיאָהר...

**בריינע:** און איך קאָן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוואָהנען קוקען אויף דער וועלט און אויפ'ן לעבען מיט אַייערע אויגען? נו, וואס-זשע ווילט איר פון מיר? צי איר מיינט, אַז ס'וועט זיך אַייך איינגיע-בען איבערמאַכען מיין נאַטור אויף אַייער שטייגער? האָט-זשע, איך בעט אַייך, קיין טעות ניט: דאָס, וואָס ס'איז ביי מיר אין האַרצען איינגעפלאַנצט נאָך פון וויעגעל, וועלען דאָס אַייערע כחות קיינמאָהל ניט אינשטאַנד זיין אויסצורייסען פון דאָרטען; עס וועט שוין בלייבען אויף עביג ביי מיר און ביי מיין קינד...
(בעגט זיך אן צום וועגעלע.)

**בראווינשטשעכע:** ס'איז אי ליאָוועס...

**בריינע:** מיינס! מיינס! ליאָווע האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט נאָך אין יענעם מאָמענט, ווען ער האט אזוי וואול' אזוי אויסגעצעכענט ערפולט אייער ווילען... מיר זענען שוין מיט איהם איצטער צעשיידט אויף עביג...

**בראווינשטשעכע:** אַז אַגאנצע וועלט האַלט אין אֵיין לויבען דיך, פערשטעה איך גאָר ניט, ווי אַזוי פאסט עס דיר זיין אַזוי שלעכט צו ליאָ-ווען. דאָס האַרץ איז ביי דיר סיידען אַזוי האַרט?

**בריינע:** אַייערע רעד וועלען עס ניט ווייכער מאַכען,— נאָך-וואָס-זשע ערנידריגט איר זיך אזוי קעגען מיר? ווי אַזוי שטעהט עס אַייך גאָר אָן צו בעטען זיך ביי מיר?

**בראווינשטשעכע:** ביזסט אַליין אַמוטער,— פרעג ביי דיין מוטערליך האַרץ, וועט עס דיך קלאָהר מאַכען, אַז ס'איז נישטאָ קיין אֵיין שווערע זאַך אויף דער וועלט, אויף וועלכער אַ מוטער זאָל נישט געהען, אַבי דערמיט פערשאַפען גליק פאַר איהר געליעבטען קינד. ס'איז מיר גרינג, מיינסטו, צו זעהען, ווי ליאָווע מוטשעט זיך די צוויי חדשים? אַז דו ביזסט קראַנק געליעגען, וויים נאָר אֵיין גאָטט, וואָס ער האָט יענע צייט איבערגעלידטען,— און איך וויים דאס אויך: איך פלעג נאָכט ניט שלאָפען און הערען זיינע פערוועהטעקטע קרעכצען...

**בריינע:** אַדאַנק! איך פערשפּאָר שוין גאָר פרעגען ביי מיין מוטערליך האַרץ: איר האָט דאָס מיר אַזוי וואויל געגיעבען צו פערשטעהען...

אַבּרירה האָט איר, איר מוזט שוין איצטער פאַ־ט מסכּים זיין דערויף, וואָס איז שוין סיי-ווי געשעהען, חאָטש אַייך איז דאָס ניט געפעלען; איך בּין פאָרט זיין ווייבּ, — טהוט אַייך וויעה דאס האַרץ פאַר אַייער זוהן... מיט אַפערקוועטשט האַרץ, מיט צוגעמאַכטע אויגען — מוזט איר איצט, נעבעך, אַליין זיין אַגוטע בּעטערען פאַר איהם קעגען מיר, קעגען מיר, וועלכע איר האָט פיינט מיט יעדער טראָפּען בּלוט, וואָס פליעסט אין אַייער האַ־צען.

**בּראַווינשטשעכע:** אויבּ בּיי מיר איז ווען-עס-איז געווען אַפיינדשאַפט צו דיר, איז עס שוין לאַנג פערשוואונדען; איך ווייס איצט נאָר אֵיינס, אַז דו בּיזסט בּיי מיר ליעבּ גלייך מיט מיינע קינדער.

**בּריינע:** נאָך אַזאַ שׂנאָה, נאָך אַזאַ שׂנאָה, וואָס האָט זיך אַזוי קלאָהר אַרויסגעוויזען אין דער שרעקליכער זאַך, וואָס איר האָט איינאַיי-נעם מיט ליאָװען אָפּגעטהון, — נאָך אַזאַ שׂנאָה — צו וואָס טויג מיר אַייער ליעבּשאַפט? דאָס לעבּען מיינס איז דאָך שוין פער'סמ'ט...

**בּראַווינשטשעכע:** אופהענגען קומט מיך דערפאַר, ניט אַנדערש. אַי, אַוועל-טעלע איז דאָס געוואָרען! אַמאָהל, אין אונזערע צייטען, האָט מען גאָר געוואוסט פון אַזוינע זאַכען? ווייס איך וואָס, נעכטענגער טאָג! אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט. האָט מען געטהון אַבּי די קעשעני זאָל ווערען פוללער, און מע פלעגט זיך גאָר אַפילו ניט אַקרום-טהון; ניט אַזוי ווי היינטיגע צייטען, וואָס דיר טהוט-וועה די קאָפּ פון דעם, וואָס איין אַנדערער טהוט עפּעס אַזוינס, וואָס דיר געפעלט עס ניט. (זיפצט.) איך געדענק: בּעֵת דער בּאַהן האָט זיך דאָ אָנגעהויבּען דורכפיהרען, און מיר האָ-בּען געהאַלטען דעם פּראָוויאַנט, — אַי-אי-אַי, ס'אַוואויל געשעפּ-טעל ס'איז געווען! ווי פיעל קונצען מע פלעגט דאָרטען מאַכען! ווי פיעל איזוויאָסטקע ס'פלעגט אַריין אין מעהל...

**בּריינע:** אַך, גענוג, גענוג! איך בּעט אַייך, הערט-אויף! וואס פאַר מעשׂות ווילט איר מיר דערצעהלען? איר ווילט מיך טרייסטען דערמיט, וואס איר וועט מיר דערווייזען, ווי אַזוינע פאַלשקייטען, ווי אַזוינע שרעקליבע זאַכען איר האָט אין אַייער לעבּען אָפּגעטהון מיט אַגלאַ-טען לינג-און-לעבּער? זיך אַליין וועט איר דערמיט פערשאַפען אי טרייסט, אי פערגעניגען, — און מיר רייסט איר דערמיט דאָס האַרץ... (דאס קינד אין וועגעלע הובּט אן וויינען.)

**בּראַווינשטשעכע:** בּיזסט אַקינד און מעהן גאָר ניט.

**בּריינע:** (מאַכט זיך ניט הערענדיג און וויעגט דאס קינד.) אַ-אַ-אַ-אַ! אַ-אַ-אַ-אַ...

**בּראַווינשטשעכע:** אֶפשר וויל דאָס עסען, זויג עס אָן, בּריינע! — אַהאַ, אָן נעהט, דאַכט זיך. ליאָווע? יאָ, ס'איז ער. (געהט צום לייטער פון דער טעררעסע און רעדט פאר-זיך:) ס'אַפּנים ער האָט בּעקומען?

ווערה איז מיינע יאָהר! אַזוי ווי דריי טאָג נישט געגעסען...

(זעצט זיך אויף די אונטערשטע טרעפּ. לינקס קומט אן בראווינסקע. ברייּנע, דערזעהנדיג איהם, שטעהט-אויף און הובט אן אוועקזיהרען דאס וועגעלע רעכטס, נישט קוקענדיג אויף איהם; און ער געהט-צו צום וועגעלע און בעגט זיך אן צום קינד.)

**בראווינסקע:** (צום קינד:) אָ, ברעקעלע מיינס טייערס! (צו ברײנען:) נו, וואוהין אַנטלויפסטו, בראָני?

**ברײנע:** איך אַנטלויף אין ערגעץ ניט. (ער פערהאלט דאס וועגעלע.) לאָזט...

**בראווינסקע:** „לאָזט"... פונקט ווי איך בין דיר שוין קיין מאַנן ניט, פונקט ווי איך בין דיר שוין גאָר אַ ווילדפרעמדער... דערמאָן זיך נאָר, בראָניטשקע, שוין צוויי חדשים — אַז איך האָב מיט דיר קיין וואָרט נישט גערעדט. דו אַנטלויפסט פון מיר, ווי פון אַזאַראַזע...

**ברײנע:** נו, צו וואָס וענען אָט די ערקלערונגען? איך בין גאָר איצטער נישט אופגעלעגט דערצו. לאָזט מיך...

**בראווינסקע:** (נעמענדיג זי פאר אהאנט.) בראָניטשקע! שוין-זשע ביזסטו מיט מיר גאָר קיינמאָהל נישט גליקליך געווען? שוין-זשע איז דיין לעבען מיט מיר געווען פאַר דיר שטענדיג ביטער? דערמאָן זיך נאָר, ווי דו פלעגסט מיר אַזוי אָפט אַרויסזאָגען, ס'אַגליקליכקייט, ס'אַוואוילקייט דו פיהלסט זיך... און איצט...

**ברײנע:** פרעגט ביי זיך, נישט ביי מיר: איך האָב אייך ניט וואָס צו ענטפערען. (נעמט ארויס איהר האנט פון זיינע.) לאָזט, איך בעט אייך...

**בראווינסקע:** פונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט נאָר אַחלום געווען...

**ברײנע:** דאָס פרעגט שוין ביי אייער מוטער, — זי וועט אייך געוויס ענטפערען, אַז ס'איז טאַקע נישט מעהן ווי אַחלום געווען; אַז דאָסוואָס איך פלעג פאַר אייך שטענדיג אַרויסזאָגען מיט אַזאַ הייסס געפיהל איז דאָס געווען נישט מעהן, ווי פאַלשע רעד פון אַשלעכטער ווייב, וואָס וויל מיט איהרע קאַלטע לאַסקעס קויפען רייכקייט, וואוילטיג ביי איהר מאַנן, — און איהר ערינסטע ליעבשאַפט טהיילט זי גאָר מיט איין אַנדערען... (וויינט.) אָ, ס'אגיכקייט ס'איז פון מיר פערפלויגען מיין ריינער, לויטערער גליק! מיט ווי אַזאַ שטאַרקען גיבען ווינט ס'איז פון מיר פערטראָגען און אַזוי ווייט פערוואָרפען מיין ליכטיגע פרייד, מיינע האָפנונגען... (ער נעמט זי ווידער פאר א האנט.) לאָזט מיך, לאָזט מיך... (פיהרט דאס וועגעלע)

**בראווינסקע:** שוין-זשע קאָן זיך שוין טאַקע קיינמאָהל צו אונז ווידער נישט אומקעהרען אונזער גליק? ס'איז דאָך נאָר אין דיר געווענדט, מיין בראָניטשקע! (קוסשט איהר האנט, וועלכע זי נעמט צו פון איהם אויף גיך.)

**ברײנע:** אָ, נײן, נײן! קײן צעבראָכענע זאַכען װערען נישט גאַנץ, און אונזער גליק האָט איר אַלײן צעשטערט... (פיהרט װײטער דאס װעגעלע; ער געהט איהר נאָך.)

**בראװינשטשעכע:** דו זינדיגסט, ברײנע, דו דערמאָנסט אונז אַזױנע זאַכען, אין װעלכע מיר אַלײן װילען גערען פערגעסען. מע מעג עס סײדען? צו דו מײנסט, אַז מיר גלױבען נאָך איצטער אױף די ספּליאָטנים?

**ברײנע:** פּאָזשאַלוסטע, גלױבט! איך בעט אײך, גלױבט! װער הײסט אײך ניט? גלױבט, אױב איר האָט דערפון פערגעניגען!

**בראװינשטשעכע:** מיט װי אַזאַ כעס זי רעדט עס? װעה איז מיר! נננאַ... (זיפצט)

**בראװינסקע:** בראָניטשקע! לאָמיר פערגעסען אַליץ, װאס איז ביז אַהער געװען. (זי שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף „ניין".) און לאָז זיך פאַר אונז איצטער אָנהויבען אַניי לעבען: מיר זענען נאָך אַזוי יונג, – מיר קאָנען נאָך אַזוי גליקליך זײן...

**ברײנע:** (מיט אביטער געלעכטער.) חאַ-חאַ-חאַ... גליקליך... איר הערט ניט, װאָס איר רעדט. לעאָנטי אַראָנאָװיטש! װי אַזוי װעל איך עס גליקליך זײן, אַז יעדער מינוט װעט פאַר מיר אופשטעהען דאָס שרעקליכע בילד פונ׳ם גלות, װאָס ברוך אינאײנעם מיט נאָך װײס איך װי פיעל אומשולדיגע סעמעיסטװעס האָבען איבער אײך איבערגעלידטען? דאס לײזונג אין קלײט װעט, פערשטעהט זיך, דעמעלט װערען אַסך בעסער; איר װעט מיט אַמאָהל פּטור װערען פון אַזױ פיעל קאָנקורענטען... אַקלײנער גליק איז דאס? חאַ-חאַ...

**בראװינשטשעכע:** אָט דאָס איז איהר צרה! זי קאָן דאָס אָבער גאָר ניט פערגעסען.

**ברײנע:** איך זעה שױן קײן מיגליכקײט ניט, װי צו ערנײען אונזער צעריסען גליק, װעלכען איך האָב דאָס גאַנצע לעבען מײנס אַװעקגעגיבען; ס׳איז שױן פאַר מיר איצט קײן זאַך אויף דער װעלט נישטאָ, װאס זאל מיר קאָנען פערהײלען מײנע װאונדען, װאָס זענען אַזױ פיעל, אַזױ פיעל אָנגעזױעט געװאָרען בײ מיר אויפ׳ן האַרצען... מיר האָבען מיט אײך זעהר פערשיעדען פערשטאַנען, אין װאס עס בעשטעהט דאס פאַמיליענגליק, – און אָט דאָס איז מײן װעהטעק; איך האָב גערעכענט, אַז מיר פערשטעהען זיך גוט אײנס דאָס אַנדערע, – ערשט איך האָב אַטעות געהאַט; איר דאַרפט נישט קײן װײב, – איר דאַרפט אַשװײגענדיגע קוקלע, װעלכע עס זאָל נישט אָנהויבען אַרען דאָס. װאס עס טהוט זיך אין אײער סוח־׳ש װעלטיל: זי זאָל נאָר שעפען װי מיגליך מעהן פערגעניגען, – און װאו דער קװאַל איז, פון װאַנען זײ נעמען זיך, דאָס איז ניט צו איהר שײך; זי זאָל זיך נאר באָרען אין רײכקײט, אין װאױלטיג און זאל אײך בעשיטען מיט לאַסקעס, מיט ליעבשאַפט, – אַליובאָװניצע דאַרפט איר. און נישט קײן װײב!

און איך... איך בין נישט פון די דאזיגע... לאזט-זשע מיך!

(בראווינסקע וויל עפעס אנהובען רעדען, קומען פליצלינג אריין: שוואכמאנן און ליובע — אפערוויינטע. אלע בלייבען אווילע ערשטוינט; ענדליך, הובט שוואכמאנן אן רעדען מיט כעס, מיט וועהטעק.)

**שוואכמאנן:** ראַזבאָיניק! גזלן! זעה, וואָס פאַר אַחתונה דו האָסט דאָ אָנגעמאַכט! פערציג סעמעיסטוועס... דו הערסט וואָ־טער? פערציג סעמעיסטוועס שיקט מען אַרוים איבער דיין ברוך׳ן, וואס איז דער מאַמען דיינער פאָפערעק אין האַלז געשטאַנען! בעקלער נאָר, דו הונט איינער, ווי פיעל אָרומע לייט דו האָס דערמיט פערפלאָדיט! (הוסט.)

**ברינע:** (טהוט אווילדען געשריי:) אַך! (חאפט זיך פאר׳ן קאפ און קלאגט. ליובע וויעגט דאס וועגעלע.)

**שוואכמאנן:** אָן געה אין מאַרק, געה גיב אַקוק, וואָס ס׳טהוט זיך דאָרטען איצטער.

**בראווינסקע:** (צעמישט:) וואו... וואוהין געהען... איך וויים גאָר-ניט... אַך, מאַמעניו!...

**שוואכמאנן:** (קרומט אידם איבער:) „מאַמעניו, מאַמעניו"... ס׳אַזוייכקייט ער רעדט עס? „מאַמע!!!"— אָט ווי אַזוי מע דאַרף זיך ווענדען צו אַזאַ טייערער מאַמעניון, ווי ביי דיר איז,— און ער: „מאַמעניו, מאַמעניו"!

**בראווינשטשעכע:** (וויינט.) אַז אָך און וועה איז מיר, אַז איך האָב גאָר דערלעבט צו אַזאַ שעה, וואָס עס געפונען זיך אַזוינע גוטע לייט און ווילען אויסרייסען פון האַרצען ביי מיינע קינדער דאָס ליעבשאַפט צו דער מוטער...

**שוואכמאנן:** וואָס שטעהסטו, ווי אַליימענער גולם? אין מאַרק אַריין געה!
בראווינסקע געהט אוועק לינקס.)

**ברינע:** (קלאגענדיג:) אין מאַרק.. (געהט אויך אוועק נאך בראווינסקען.)

**ליובע:** בראָניטשקע! וואוהין? (וויינענדיג, פיהרט זי אוועק דאס וועגעלע רעכטס, אין סאד.

**בראווינשטשעכע:** קאַרג האַרצוועהטעק האָט ער געהאַט אָהן דיינע נייעסען? פרעג, וואָס קומט איהם דערפאַר?

**שוואכמאנן:** אופעסען! אופעסען דאַרף מען איהם!

**בראווינשטשעכע:** ס׳איז שוין ניטאָ וואָס צו עסען: האָסט איהם שוין אינגאַנצען אופגעלאָפעט פאַר דער לעטצטער צייט. (שוואכמאנן הוסט.) בריה מיינער גרויסער! נאָר בייזערען זיך פעהלט איהם: קאַרג הוסט ער אָהן דעם... (שוואכמאנן צעהוסט זיך נאך שטארקער. רעכטס, פון סאד געהט אריין האלי. דערזעהענדיג, ווי ער הוסט, לויפט זי צו איהם צו אדערשראקענע.)

**האלי:** וואָס איז דאָס?! (האלט איהם איין, בעת ער הוסט) וואס איז מיט דיר? (וויינט.) הובסט זיך נישט אָן צו היטען... ביזסט שוין ווידער

געווען אין מאַרק, זעהען, ווי מע שיקט זיי אַרויס? אָהן דיר וועט זיך דאָס דאָרטען גאָר ניט בּעגעהען ... (שוואכמאנן הערט-אוף הוסטען)

**שוואכמאנן:** האַליטשקע, וויין ניט איך הוסט שוין ניט,– זעהסט? מאַלע וואָס מע פערהוסט זיך אַבּיסעל,– דאַרף מען שוין טאַקע וויינען, קינד אייננס? אַבּיסעל וואַסער... (הויבּט ווידער אן הוסטען בּראווינשטשעכע לויפט אין שטוב אריין.) נו, נו, שרעק זיך נאר ניט, האַליטשקע! זעץ זיך,–וואָס שטעהסטו? די שווינגער איז שוין אַוועק נאָך וואַסער.

**האלי:** (זעצענדיג זיך נעבּען איהם:) וואָס איז דאָ מיט דיר אַזויננס געווען?

**שוואכמאנן:** גאַר-ניט, האַליושע. איך האָבּ זיך אַבּיסעל געבּייזערט אויף ליאָווען.

**האלי:** מעהן געהט דיר טאַקע גאָר נישט אָפּ. נאר בּייזערן זיך. ס'אַשלעכ-טער דו בּיזסט ... (בּעגט זיך אן צו איהם און פערטראכט זיך; ער טהוט זי אקוסש און באק.)

**שוואכמאנן:** עך, האַלינקע, זאָלסט וויסען, וואָס דאָ טהוט זיך ... (זיפצט.) אוי, ווי פיעל צרות די מאַמע דיינע מיט ליאָווען אינאיינעם האָבּען דאָ געבּראַכט אין שטאָרטיל! פערציג סעמעיסטוועס...

**האלי:** איך האָבּ שוין געהערט. דו קלער נאר דערפון אַבּיסעל וועניגער וועט פאַר דיר זיין געזונטער. (בּראווינשטשעכע ברענגט אגלאז וואסער און זעצט זיך ווידער אויף די טרעפ) נאַ, נעם אַבּיסעל וואַסער. (האלט די גלאז, פון וועלכער ער טהוט עטליכע זופּ.) נו, גענוג, גענוג וועט זיין פאַר דיר. (רייסט פון איהם אפ די גלאז און שטעלט זי אויפ'ן בענקעלע נעבּען זיך.) דו טאָרסט קיין סך וואַסער ניט טרינ-קען.–טאָמער וואָלסט זיך גאר געגאַנגען צוליעגען, געראָי מיינער?

**שוואכמאנן:** איך וויל ניט.

**בּראווינשטשעכע:** אָן געהט שוין ליאָווע. אַשאַן שטיקעל פּנים האָט ער בּעקו-מען... (זיפצט.) אַי, צרות! נו, צרות! אי וואָס וועט עס זיין דערפון? אַז יענע איז ווי אַגעריהרטע...

**שוואכמאנן:** „אַגעריהרטע, אַגעריהרטע"... הערסט אַבּיסעל וואָרטער? אַגעריהרטע" ...

**האלי:** נו, וואָס אַרט עס דיך אַזוי? (עס געהט אריין בּראווינסקע.)

**בּראווינשטשעכע:** וואו-זשע איז בּריינע?

**בּראווינסקע:** אַך ... בּריינע ... (זעצט זיך אויף אבענקעלע, פערברעכט די האנט און פערטראכט זיך.) וואו איז דאָס קינד? (קוקט זיך ארום)

**בּראווינשטשעכע:** ליובּע האָט עס ערגעץ אַוועקגעפיהרט. (לינקס קומען אן: בריינע; ניט בעמערקענדיג קיינעם, רעדען זיי אין-צווייען)

**פיינערשע:** אַך, מיין קינד, וואָס רעדסטו דאָס? פון וואס-זשע וועלען מיר לעבּען? וואו וועלען מיר זיך אַהינטהון?

**בּריינע:** און אוראָקען?

**פיינערשע:** דו ביזסט דולל, ניט אַנדערש! אוראָקען דאַרף זי.. קאַ־ג האָבען מיר זיך נאָך אָנגעמוטשעט מיט דיינע אוראָקען? און צי מיט דיין געזונט איז דאס פאַר דיר איצטער אַיין עסק? גאָטט איז מיט דיר!

**ב ר י י נ ע:** זאָרג ניט, מאַמעניו, — גאָטט וועט אונז העלפען, אַזוי ווי ער האָט אונז אַלע מאָהל געהאָלפען; מיר וועלען צו קיינעם נישט דאַרפען אָנקומען, מיר וועלען זיין רוהיג. און דאָ? דאָ קאָן איך קיין רוה נישט האָבען: מיר וועט דאָ נישט אופהערען צו וועה־טהון דאָס האַרץ פאַר יענע, וואס וועלען דורך אונז זיין הונגעריג, בעת מיר וועלען זיין זאַט... (וויינט.)

**פיינערשע:** ברײנע, האָדי! וואס איז דאָס ביי דיר פאַר אַמין פראָטיוונע נאַטור, וואס וועמען עס זאל עפעס ניט וועה־טהון, קאָנסטו זיך נישט בערוהיגען? וועה איז מיר!

**ב ר י י נ ע:** אוי, ס'אַפראָטיוונע, ס'אַפראָטיוונע נאַטור! יאָ, מאַמע, אַפראָטיוונע נאַטור איז ביי מיר... אָ, ביי מיר זאל זיין אַקאַלטבלוטיגע נאַטור, — ווי רוהיג וואָלט איך געווען, רייך... אָ, ווי גוט דאס איז, ווי אַנגענעהם עס דאַרף זיין דערפון! און ביי מיר איז אַזאַ פראָטיוונע נאַטור... מאַמע! נישט קיין ליעבהאָבערען דאַרף איך דאָך ביי איהם זיין, — און קיין ווייב קאָן איך איהם שוין איצטער ניט זיין! איך קאָן ניט... און איך האָב דאָך איהם אַזוי ליעב... מאַמעניו מאַמעניו! (נעמט זי ארום און וויינט אווילע שטיל.) נו, גענוג! דאס וויינען וועט ניט העלפען. וויין נישט, מאַמעניו, קום! קום גיכער: איך וויל, אַז מאָרגען זאָל פאַרטיג ווערען דער גט. (ליובע פיהרט אריין דאם וועגעלע.)

**בראווינסקע:** (מיט שרעק.) דער גט?! אָ, מאַמע... (בראווינשטשעכע קעהרט זיך אפ און וויינט. האלי וויינט אויך און טולעט זיך־צו שטארקער צו שוואכמאנען. ביי בראווינסקעם ווארטער חאפט זיך ברײנע אין שרעק פאר'ן קאפ און, זעצענדיג זיך אויף אבענקעלע, הויבט זי ווידער אן וויינען.

**שוואכמאנן:** גט'ן זיך?! (הוסט.) אָט האָסטו דיר! דערלעבט זיך טאַקע? אַ? אָט איצטער שרייסטו: „אָ מאַמע"?! יאָ, דאַנק איהר, קוסש די האָנטעליך דער מאַמען דיינער: זי האָט עס פון דיר אָפגעריסען דיין ברײנען, זי! (הוסט.)

**ה א ל י:** גענוג דיר שרייען! זעה, דו הוסט ווייטער... נעם אַביסעל וואַסער. (זי דערלאגט איהם די גלאז.)

**פיינערשע:** אַיודישע טאָכטער דאַרף מיט געדולד איבערטראָגען אַלסדינג, וואָס גאָטט שיקט איהר צו... וואָס האָסטו דאָס פערקלערט, ברײנדעלע, מיין לעבען? (ברעכט די האנט.)

**ב ר י י נ ע:** מאַמע... גענוג...

**פיינערשע:** בראַווינסקע וועט נאָך אָט דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט איצטער נע-לידטען, ווערען גאָר אַיין אַנדער מענטש... ביי אייך קאָן זיך איצטער אָנהויבען אַזאַ מין וואויל לעבען...

**ב ר י י נ ע:** אָ, ס'אַוואויל, אידילליש לעבען: אין די אויערען, אין קאָפּ, אין האַרצען-אַפילו וועט זיך שטענדיג הערען אַזאַ מין זעלטענע מוזיקע פון זיפצען. קרעכצען... פאַר די אויגען וועלען זיך שטענדיג מאָהלען אַזוינע גרויסאַרטינע בילדער, פערשפריצט מיט טרערען... אַך! ס'אַפּיין, אידילליש לעבען!...

**בראַווינסקע:** (געהט-צו צו איהר און נעמט זי אן פארביידע האנט.) בראָניטשקע, איך זאָל וויסען, אַז ס'איז פעראַנען חאָטש עפּעס אַזוינס, מיט וואָס מע זאָל קאָנען אָט דאָס אַלץ, וואָס איז געשעהען, אומקעהרען, צעשטערען, עס זאָל זיין גלייך, ווי עס איז גאָר קיינמאָהל גאָר-נישט ניט געווען, און די פערטריבענע זאָלען ווידער זיין דאָ מיט אונז,— ווי שווער און שרעקליך עס זאָל נישט זיין, וואָלט איך עס סיידען נישט גערען טהון? נאָר וואָס קאָן איך העלפען...

**פיינערשע:** בראָני, בראָני, זעה, די שוויגער וויינט!

**בראַווינסקע:** בראָניטשקע! פאַר דיר איז איצט אַצעבראָכען האַרץ, נאָר אַנייער מענטש, אַנייער... שוין-זשע ועסטו מיך איצטער אָפּשטויסען פון זיך און דערמיט פערפינסטערען מיר דאָס גאַנצע לעבען? דו וויינסט,— נו, איך זעה דאָך פאָרט, אַז מיר האָבען ליעב אַיינס דאָס אַנדערע, און די ליעבע אונזערע איז גרויס און שטאַרק... צעשטער ניט אונזער גליק, בראָניטשקע! (פאלט אויף די קניען, קושט איהרע האנט.)

**ב ר י י נ ע:** (שטעהט-אויף און קעהרט זיך אפּ.) און פון דאָרטען... (ווייזט אויף דער טיעף סצענע.)

**בראַווינסקע:** (שטעהט-אויף.) וואָס איז? וואָס איז „פון דאָרטען"...

**ב ר י י נ ע:** פון דאָרטען וועלען זיך תמיד הערען קללות אויף מיר, אויף אַייך, אויף מיין קינד... (געהט צו צום וועגעלע און נעמט פון דארטען ארוס דאס קינד.)

**בראַווינסקע:** (מיט וועהטעק:) אַך... (ברעכט די האנט.)

**ב ר י י נ ע:** קום, מאַמע! (געהט אוועק לינקס; פיינערשע געהט איהר נאך.)

**פיינערשע:** בריינע, בריינע, וואָס טהוסטו דאָס? בעקלער-זיך...

**בראַווינסקע:** (געהט אויך נאך איהר.) בראָני! דו געהסט טאַקע אַוועק? דו לאָזסט מיך טאַקע איבער אַיינעם אַליין אין אָט דער וויסטער פינסטערניש...

## דער פארהאנג פאלט.

האַרקאוו, 1895-טען יאהר.

ע-
יך

ין
קע
ען
ך !

ע ,
אָם
גן ,
שט
ז,—
עם

ער
פון
דו
ינס
ן ...
ען ,

אויף

יך ,
טען

זסט
ש...

# ВО ТЬМѢ.

Г. И. МАЛЫЙ

ДРАМА

въ 4 дѣйствіяхъ.

ОДЕССА
Типо-литографія А. М. Дыхно Почтовая ул., д. № 32
1898.